1836

איין

# שיינה מעשה

פון צענטארע ווענטארע

דא ווערט דער ציילט פון איין גרויסען סוחר וואס ער
איז געוועזן פיל מאל אין אנגסט אונ נוט אויף דעם ים
אונ איז געוועזן אין דיא הענט פון ווילדע מענטשען אונ איז
ניצול געווארען פון דיא אלע זאכין אונ איז געקומען צוא
זיין הויז בשלום מיט פיל עשירות :

---

זיטאמיר


. בדפוס הרבני מהו' יצחק משה באקשט נ"י ,

בשנת תרל"ז לפ"ק .


---

ШЕЙНЫ МАСА

т. е. Прекрасный разсказъ


ЖИТОМИРЪ

Въ Типографіи И. Бакста

1876


MOTIVATION – INEQUALITY (VENTURE'S PROTEST)

ZENTURE'S TRIALS & TRIBULATIONS

GOD'S & HAND – FATE (IS FAITH THE REAL MORAL ?)

PUNISHED FOR HIS GREED & FOR BREAKING HIS OATH

NO ATTEMPT TO JUDAIZE THE STORY :

טבונע

[illegible]

SUPERNATURAL MOTIFS :

- ROKHE BIRD
- DREAMS AS PORTENTS

IMPLICIT VIEW OF A CIVILIZED CULTURE AS OPPOSED TO PAGANISM.

ALWAYS REWARDED WITH WEALTH

# איין שייני מעשה

אין לאנד פון פערסיא אין דער שטאט ספהאן איז געוועזן איין יונגער מאן וואש זיין נאמען איז ווענטורע דער מאן איז זייער קלוג אונ געלערינט אין פיל לערנונג ער האט אבער גאר קיין גליק ניט · ער טוט אלירלייא האנדעל שאפט אין דער וועלט אונ ווערט אן גאר זיין געלט · אונ צוא וואש ער נעמט זיך ווערט ער אן אונ האט ניט מיט וואש צוא דער נערין זיין ווייב אונ קינדער. ער האט גמוזט ווערען איין טרעגער אונ טראגט זייער שווערי משאות אויף זיין אקסעל ער לעבט אין גרוס ארומקייט · עס קאן אים אבער קיינער ניט העלפען איין מאל טראגט ער זייער אשווערי משא פון איין הוז צום אנדערען ער איז שון אבער זייער מיד אונ האט נאך אשטיק וועג פאר זיך זיכט ער זיך איין קיל אורט זיך אפ צוא רואן · ער זעצט זיך בייא אשיינעם פאלעץ וואש דארטען וואקסט זייער שייני אונ צווייגהאפטיגי ביימערי דא לייגט ער זיין משא אויף דער ערד אין זעצט זיך דער בייא אנידער אונ דער גוטער לופט פון דיא ביימער וויאט אויף אים אונ ער דער קוויקט זיך · דיא פענצטער פון דעם פאליץ זענין אלי אופן אזו קומט אויף אים איין גוטער געשמאקער ריח פון אלערלייא גוטי שפייז אויך הערט ער אלערלייא מאזיקע שפילען פון פיל כלי זמר, אויך זינגען דער בייא אלערלייא פייגלען אויך הערט ער דורך דעם פענצטער דאש קלאנג פון פיל געלט ציילען ער וויל וויסען וויא דער הער פון דעם פאלעץ הייסט · אזו דער זעהט ער איין קנעכט ארום גיין ער איז זייער שיין אום געקלייד · פרעגט ער אים וויא אזו הייסט דער הער פון דעם פאלעץ ענטפערט אים דער קנעכט דא וואנט דער הער צענטורע דער גרוסער רייז מאני דאש טייל ער איז דורך געפארין אלי גרוסי ימים וואש איז דא אויף דער וועלט דריבער הייסט ער דער גרוסער רייז מאן דער הער איז זייער רייך אין לעבט מיט דעם גרעסטין גוטין וואש עס געפונט זיך אויף דער וועלט דא ווערט דער ווענטורע גרוס צארינגריג וואש

HM3658.80
Y3658.80
LACK

Дозволено цензурою Кіевъ
7 Октября 1876 г.

HIS CALL FOR JUSTICE

ער איז אום גליקליך אין הייבט אוף זייני אויגן אקעגין הימעל
און זאגט דער בארימעגער און ליבער באשעפער פון דער וועלט
ווארום גיסטו דעם איינעם צו פיל און דעם אנדערין גאר ניט
באטראכט נאר דעם צווישען שייד צווישען ווענטורע און צענטורע
איך ארבייט זייער שווער און קען זיך מיט מיין ווייב און קינדער
כאם דער נערין מיט ברוט · און דער צענטורע איז אזו גליקליך
וואש ער קען זיך פאר פירען גרעסטי תענוגים אוף דער וועלט ·
זעניין דען מייני זינד אזו גרוס וואש דוא טוסט מיך אזו שטראפין
דאש איך זאל האבען אזו אשלעכט לעבין אוף דער וועלט·אוך
וואש כאר איין גוטס האט דער צענטורע גטאן וואש דוא האסט
אים אזו גבענטשט מיט פיל רייכקייט און גוטץ אוף דער וועלט ·
פון וועגין גרוס פאר דראס לייגט ער זיך אוף דער ערד און ווערט
נאהונט חלשות צוא בלייבין · צענטורע זיצט גראד ביא דעם
פענצטער און הערט דאש אלין אזו צוא : אזו בפעלט ער איינעם
פון זייני קנעכט ער זאל נעמען איין גלאז פון דעם בעסטין וויין
און זאל געבין דעם ארומען טרעגער וואש זיצט אונטער דעם
פענצטער און זאלסט אים זאגין ער זאל אריין קומען צוא מיר איך
האב מיט אים עפיס צוא ריידען דער קנעכט טוט אזו און גיט דעם
ווענטירע דיא גלאז וויין דער האט זיך גאר דער קוויקט · דער נאך
זאגט ער צוא אים מיין הער האט מיט איך עפיס צוא ריידען · דער
ווענטורע ווערט זייער דער שראקין און טראכט זיך פיליכט האט
ער גהערט מייני רייד · זאגט ער איך קען ניט גיין צום הער דען
איך האב ניט אוף קיינעם מיין משא אוועק צוא ווארפען זאגט
דער באדינגער איך זאג איך צוא אז איך וועל אכטונג געבין אוף
אייער משא און עס וועט ניט זיין קיין שום שאדין ער פירט אים
אריין אין אגרוסער סאלי וואש דארטין זיצט אגזעלין שאפט פון
פיל הערין . און זעניין זייער רייך אן גקלייד זייא זיצען אלי ארום
טיש וואש ער איז באדעקט מיט אלערלייא גוטי שפייז און וויינען
גאנץ אובען זיצט זייער אשיינער אלטער פרשון מיט אלאנגי
בארד און עטליכי בדינטי שטייען ארום אים · דער ווענטורע פאר
שטייט אז דאש איז בוודאי דער הער · ער באדאנקט אים מיט
אלי זייני גזעלין זייא דאנקען אים אוך זייער פריינטליך · זאגט
צענטורע צוא איין בדינטען נעם דעם יונגען מאן און פיר אים
אריין



אריין אין מיין חדר און טוא אים אן פון מייני קליידער און ברענג
אים ווידער אהער אזו ווערט תיכף דאש גטאן · און צענטורע
נעמט אים אין זעצט אים לעבין זיך ביא זיין רעכטי האנט און
ער גיט אים דאש בעסטי שפייז צוא עסין און גוטין וויין צוא
טרונקען דיא גזעלין פאר ווינדערין זיך זייער זייא ריידען ביא
דעם טיש זייער ווינדערליכי זאכען אין דער ווענטורע רעט אוך
דרונען ווייל ער איז אוך אזו קלוג · דער צענטורע פאר ווינדערט
זיך זייער אז אזו אקלוגער מאן מיט אזו פיל פאר שטאנד זאל זיין
אזו ארום און זאל זיך דער נערין מיט אזו אשווערי ארבייט · נאך
דעם מאל צייט גייאן אלי גזעלין צוא הויז רופט צענטורע דעם
ארומען טרעגער אין איין חדר וואש ער איז זייער אויש גפיצט און
זעצט זיך לעבין אים און זאגט אים ליבער פריינד זאגט מיר וויא·
הייסט איר און וואש איז אייער האנדלשאפט · ענטפערט אים
ווענטורע איך האב קיין שום הענדיל ניט דען איך האב דער צוא
קיין שום גליק ניט דרום מוז איך מיין ברוט פאר דינען מיט גרוס
מיא אין גרוס ארבייט צענטורע זאגט צוא אים דיין בייזקייט און דיין
שטרייט קיגען דעם באשעפער האב איך גהערט דורך דעם פענצטער·
ווענטורע ווערט זייער פאר שעמט און זאגט אים ליבער הער איך
בעט השי"ת ער זאל מיר מוחל זיין דען מחמת גרוס מידעקייט
אין היץ בין איך פאר טומעלט גווארין אזעלכי נארישקייט צוא
ריידען· צענטורע זאגט שרעקט אייך ניט איך וועל אייער בייזקייט
ארוס נעמען פון דעם הארצין · איר זענט נאך איונגער מאן איר
קענט נאך פיל גוטס גניסען אוף דער וועלט איר מיינט דאש אלץ
וואש איר זעהט ביא מיר האב איך דער לאנגט אן מיא און אן
ארבייט גיין מיין פריינד צוא דעם גליקלעבין שטאנד בין איך ערשט
גקומען נאך דעם אז איך בין פיל יארין אויש גשטאנען פיל שלעכטץ
איך בין גוועזן אין פיל שרעקין און האב גליטען פיל הונגער און
דארשט איר מוזט זיך פאר לאזין אוף דעם באשעפער וואש ער
קען אייך ווידער געבין גליק אזו גיט וויא מיר איך וועל אייך דער
ציילען וויא מיט מיר האט זיך גפירט נעכטיגט דא איבער אין צוא
מארגין וועל איך אייך דער ציילען · דער טרעגער שיקט אפ זיין
משא דורך איין גוויסען מאן און בלייבט דא נעכטיגין ער קריגט
צוא אבינט פון שפייז און איין שייני בעט אפ צוא רואן זיך מארגין
פריא

פריא איט ער גלײך צוא דעם צענטורע צוא הערין זײני
דער צײלונג :

דער ערשטער אױס פאר פון צענטרע אויף דעם ים

מײן פאטער אז ער איז געשטארבין האט ער מיר גלאזט פיל גיטער
און סחורות און געלט איך בין נאך אײנגער מאן פאר ברײנג
איך פיל געלט דיא גרעסטי העלפט איך בין אבער עלטער געווארען
בראכט איך מיך וואש וועט פון מיר דער סוף זײן אז איך וועל
שון פאר לירען גאר דאש געלט דען מען זאגט אײן שפראך ווארט
דער ארומער אין דער טוטער זענין בײדי גלײך אזו הײב איך זיך
אן קארגער צוא פירען איך האב נאך קײן שכל ניט גהאט צוא
הענדיל ביז עטליכי יאר האב איך אן גווארין גאר מײן געלט
אזו בטראכט איך מיך אז איך מוז אן הײבין צוא פירען אײן הענדל
איך מאך אלין צוא געלט און בינד מיך מיט קופס לײט צוא
רײזין אויף דעם ים דארט צוא האנדלין ׳ מיר דינגען זיך אײן שיף
פון אינדריא און מיר נעמען אונזער וועג נאך אינדריא דער
ווינט דינט אונז זײער גוט און ווײל מיר איז דאש ערשטי מאל
אויף דעם ים צוא פארין באקום איך אביסעל קראנקײט אבער
אין עטליכי טאג פעלט עס מיר , מיר רײזין בײא פיל אינזלען איך
זעה אויף זײא אלערלײא בשעפעניש אויף אמאל קומען מיר צוא
אקלײן אינזעל וואש ווײזט אוש זײער שײן דער קאפיטאן זאגט
ווער האט לוסט אויף דעם אינזעל ארויס צוא גײן זאל ער גײן
מיר גײען ארויס אויף דעם אינזעל מיט גרוס פרײד • אין מיטען
אונזער פרײד וויא מיר עסין און טרונקען און רוען זיך אפ הײבט
אן דאש אינזעל צוא ציטערין און עס ווארפט אונז אראפ אלי
אין וואסער ארײן דאש איז ניט קײן אינזעל נאר אײן וואלפיש
אטײל פון אונז האבין זיך ארײן גחאפט אין דיא קלײני שיפלעך
אטײל שווימען אויף דעם וואסער ביז צוא דער גרוסער שיף מײן
אומגליק איז אזו דאש איך קען ניט גרײכען צוא דער שיף דיא
לײט וואש זענין אין שיף זוכען אלי מעגליכקײט מיך צוא ראטיווען
אבער עס העלפט ניט איך ארבײט מיט אלערלײא קראפטין אויף
דעם וואסער און שווים וויא ווײט איך קען אבער איך קען ניט
גרײכען צוא דער שיף דער ווינט איז זײער גיט אזו זעגילט מען
דיא שיף אפ דער שיף קאפיטאן האט איבער מיר גרוס רחמנות

בינט



בינט ער אפ אקלײן שיפעל און לײגט דרינען ארײן אײן לעדערין
בײטעל מיט ברוט און אקריג וואסער און לאזט זיא גײן אין דיא
גרוסי שיף גײט אוועק אזו גשווינד וואש איך קען זיא שון מער
ניט זעהען קורץ איך באטעטוע מיך אזו לאנג ביז איך קום צוא דעם
קלײן שיפעל און זעץ מיך דרונען ארײן איך בין זײער מיד פון
וועגין דיא גרוסי ארבײט וואש איך האב גהאט און ווער אנשלאפין
אויף אגאנצי נאכט און ווײל דער ווינט איז זײער גוט גײט מײן שיפל
רעכט צוא מארגין פריא חאפ איך מיך אויף זענין פאר לאזין גאר
מײני קרעפטין איך בין שון מער טויט וויא לעבעדיג איך טראכט
שון עס איז גקומען מײן עק איך האב שון פון מײן לעבין גאר ניט
גהאלטין מיט אמאל ווערט אגרוסער שטורעם ווינד און דיא אינדן
נווארפען מײן קלײן שיפעל צוא אײן הוכען אינזעל איך האב אבר
גרוס מיא ארוף צוא גײן אויף דעם אינזעל וויא איך בין גאר גקומען
אויבען דאנק איך און לוב דעם באשעפער וואש האט מיך אהער
געבראכט איך נעם ארויש ברוט פון מײן לעדערנים בײטעל אין
וואסער גאנץ ווײניג נאר מײן לעבין צוא דער האלטין איך גײא
ארום עטליכי טעג אויף דעם אינזעל און זעה דארטין פיל חיות
אבער זײא טוען מיר קײן שום שאדין ניט וויא עס איז מיר אבער
אוש גגאנגין מײן ברוט און וואסער איך האב מיך שון ניט מיט
וואש צוא דער נערין הײב איך אן זײער צוא ווײנען און קלאגין
איך באטראכט מיך וואש וועט דען מיר דאש העלפען איך וועל
מײן האפונג אין דעם באשעפער ניט פאר לאזין אין בין ווײטער
גגאנגין • איך בין אבער זײער שלאף וועגין גרוס הונגער איך קען
שון ווײטער ניט גײן זעץ איך מיך אנידער אפ רוען דער ווײל
דער זעה איך פון ווײטין אײן גאנץ הוכען בום שטײן איך גײא
צוא דעם בום זעה איך אז אויף דעם בום וואקסין זײער שײני
טײטלין דער בום איז אבער הינטין נאר אן צווײגין איך האב
גרוס מיא ביז איך האב אויף אים ארוף גקלעטערט איך קלויב
אן דיא בעסטי טײטלין און לײג ארײן אין מײן לעדערנים בײטל
און גײא ווידער אראפ איך האב אבער קײן וואסער ניט צוא
טרונקען גײא איך ארום עטליכי טעג און מאך מיר צײכנים
אויף דעם וועג איך זאל טרעפין צוא דעם בום • נעם פערדין
מאג קום איך אין אײן מאל און גיפין דארטין אקוואל וואסער

איך

איך טרונק פון דעם וואסער אונ גיס ווידער אן מיין קריג פיל
אונ גייא צוא ריק צוא דעם מייטעל בוים נאך דיא צייכנס
וואש איך האב מיר געמאכט ווען דאש וואסער איז מיר אוש
גגאנגין גייא איך צוא דעם קוואל אונ נעם דארט אקריג וואסר
אזו פאר ברייגג איך דרייא חדשים · איין מאל וויא איך בין
ארויף גגאנגין גאנץ הויך אוף דעם בוים דער זעה איך פון ווייטן
איין ווייסען בארג אזו ווייס וויא שנייא איך טראכט דאש מוז
זיין איין געצעלט אודער איין שלאס פון ווייסי לאווענט וואש
דארטין וואנין פיל מענטשען גייא איך אראפ פון דעם בוים
אונ פיל אן מיין בייטעל מיט טייטלין אונ גיס אן מיין קריג פיל
מיט וואסער אונ גייא גלייך אהין אונ מאך צייכנס אוף דעם וועג
איך זאל ניט פאר לירען דעם בוים מיט דעם קוואל איך זעה
אבער אז דאש איז ניט קיין געצעלט נאר איין קאליבעדעגי זאך
אונ עס איז אזו גרוס וויא דאש גרעבטי הוז איך גייא ארום אונ
ארום אונ באטראכט עס דיא זין איז נאך גאנץ הוך אבער מיט
אמאל ווערט זיא פינצטער וואש איך זעה שון מער ניט דיא שיין
פון דער זין איך שרעק מיך זייער דריבער · זעה איך וויא
איין גרוסער פוגעל שוועבט וואש מיט זייני פליגעל פאר שטעלט
ער דיא זין קומט מיר אין זינען אריין וואש איך האב אמאל
געהערט דער ציילען פון דעם גרוסען פוגעל ראכע דאש ער איז
אזו גרוס אונ קראפטיג אז ער קען טראגין איין העלפאנד אונ
דער ליפטען טראכט איך מיר אז דאש מוז זיין איר איי · איך
ליג מיך געשווינד אוף דעם איי דער פוגעל שוועבט אראפ אונ
זעצט זיך אוף דעם איי צוא ווארימען זיא איך ליג אזו דיא
גאנצי נאכט אונטער דעם פוגעל אונ ער טוט מיר קיין שאדין ניט
איך פאר לאז מיך אוף דעם ווילען פון דעם באשעפער פיליכט
וועט מיר דער פוגעל צוא הילף זיין דאש מיט אים וועל איך קענען
קומען צוא איין לאנד · איך נעם אראפ פון מיין היטעל אגרוס
פאטשיילי אונ בינד זיך גוט צוא צוא איין פוס פון דעם פוגעל
וואש ער איז אזו גראב וויא דער גרעסטער בוים אונ טראכט
פיליכט וועט מיך דער פוגעל ברייגגין אין איין אורט וואש איז
באוואונט מיט מענטשען צוא מארגין פריא שוועבט דער פוגעל
אוועק אונ טראגט מיך אין דער ליפטען גאנץ הוך אוף איין מא

לאוט



קאזט זיך דער פוגעל אראפ אונ זעצט זיך אוף דער ערד איך
בינד מיך אפ פון אים איך זעה וויא דער פוגעל פיקט מיט זיין
גרוסען שנאבעל אשלאנג וואש זיא איז לאנג צעהען איילען אין
פליהט מיט אים אוועק איך זעה מיך ארום וויא איך בין זייער
אין אטיפען טאל אונ איז ארום גרינגעלט מיט זייער הוכי בערג
וואש מען קאן ניט ארויף קלעטערין עס ווערט מיר גרוס אנגסט
אונ לייד וואש איך בין אוועק פון דעם מייטעל בוים אונ קוואל
וואסער איך רייס מיר אוש דיא האר פון דעם קאפ איך בטראכט
זיך אבער וואש וועט דאש מיר העלפין איך מוז מיין האפונג אוף
דעם באשעפער ניט פאר לירען אונ נעם ארויש טייטלין אין עס
אוף וואסער אונ טרונק נאך דעם גייא איך ארום אין גאנצן טאג
זעה איך וויא ער איז באדעקט מיט דומענטין אבער וואש העלפט
דאש מיר אז איך בין אין ווייקטעניש אוך זעה איך אין דיא גרובער
אוועלכי שלאנגין וואש זענין לאנג פופצען איילען ביא טאג פהאלטין
זייא זיך אין דיא לעכער וויל זייא פארכטין זיך פאר דעם גרויס
פוגעל ראכע בייא דער נאכט גייאן זייא ארויש איך גיפון דארטין
איין לאך וואש איך קען דארטין אריין גיין אונ וויא עס קומט
נאכט גייא איך אריין אונ פאר שטעל מיך מיט אגרוסען שטיין בדי
דיא שלאנגין זאלין מיר קיין שאדין ניט טאן איך פאר ברייגג מיר
דעם אבונט אמאל צייט וויא דער גרעסטער העד מיט דער מאזיקי
פון דיא שלאנגען וואש האבען גיזונגען אגאנצי נאכט וויא עס
ווערט טאג גייאן דיא שלאנגען ווידער אין זייערי גרובער אריין
אונ איך גייא ארויש פון מיין לאך נאר וויל איך האב אגאנצי נאכט
ניט גשלאפין וועגין גרוס פארכט פון די שלאנגען בין איך בייא
טאג שטארק אנטשלאפין גווארין וויא איך שטייא אויף זעה איך
אין דעם טאל זייער גרוסי שטיקער פלייש איך ווייס ניט וואש דאש
באטייט אונ פון וואנען זייא קומען אהער איך הייב אוף אשטיק
פלייש איז דאש פיל מיט דומענטען באדעקט האב איך מיך באלד
דער מאנט וואש איך האב געהערט דער ציילען אז מען וויל בקומען
דיא גרעסטי אונ דיא פיינסטי דימענטען איז מיט אזו אמאניר
גרוסי שטיקער אונ ווארפין עס אין דעם טאל פאלט דאש פלייש אוף
אוף דיא דימענטען אונ דיא פוגעל ראכע אודער דיא גרוסי אדלערים

בית

קומען

SUPERNATURAL DONOR

קומען צוא פליהען אין דעם טאל אין טראגין דאש פלייש מיט דיא
דימענטען צוא זייער ניסט אונ אז זיא פליהען אוועק גייאן דיא
קופט לייט צוא זייער ניסט אונ נעמען דיא דימענטען מאך איך איין
גייעם קונץ. אונ פאר ליר ניט דעם בטחון פון דעם באשעפער אונ
איך זאמעל דיא גרעסטי אין דיא פיינסטי דימענטען אונ פיל אן מיין
לעדערנים בייטעל אונ אוך מיין קרוג. נאך דעם נעם איך מיין
פאטשיילי אונ בונד מיך אן צוא איין שטיק פלייש אונ דעם לעדערנים
בייטעל מיט דעם קרוג בינד איך צוא מיין ארום צוא אונ לייג מיך
מיט מיין פנים אויף דער ערד אונ דאש פלייש האב איך גילייגט
אויף מיין רוקען עס דוערט ניט קיין שעה קומט צוא פליהען איין
ראבע פיל קלענער פון דער ערשטער אונ חאפט דאש גרויסי שטיק
פלייש מיט זיין גרויסין שנאביל אונ פליהט מיט דעם שטיק פלייש
אונ אויך מיט מיר אונ דער לופטען ער טראגט מיך איבער לאנד
אין איבער וואסער ער ווערט אבער מיד לאזט ער מיך מיט דעם
פלייש אין מיטין אריין מיין גליק איז אבער דער בייא אז עס איז
נאהענט צוא דעם גארטען איך טוא אלי מיגליכקייט אונ שווים אויף
דעם וואסער דען דאש פלייש האב איך פון זיך אוועק גיווארפין
אונ קום צום ברעג איך דאנק אונ לוב דעם באשעפער וואש ער
האט מיר אזו נייט גהאלפין איך טרוקען אויש מיינע קליידער אויף
דער זין אונ רוא מיך אפ איך גייא ארום דעם ברעג אונ האב מיך
ניט מיט וואש צוא דער קוויקען איך זעה מייני דימענטין אונ זאג
צוא זיא וויא ליב וואלט איך אייך גהאט ווען איך זאל מיט אייך
קומען צוא מיין לאנד אבער אצונד זענט איר מיר שווער צו טראגין
אונ נעם מיין קרוג מיט דעם בייטעל אויף מיין אקסיל אונ גייא מיט
האפונג מיין וועג ווייטער איך קום צוא איין בוים וואש אויף אים
וואקסט זייער גוטי ניס עס איך דער פון גאנץ פיל אונ נעם צוראפ
מיין פאטשיילי אונ פאק דרונען אריין אזו פיל וויא מעגליך איז אונ
גייא ווייטער מיין וועג דריי פיפצען טאג קום איך צוא דעם ים בלייב
איך דארטין שטיין : דער זעה איך פון ווייטען איין שיף נעם איך
מיין טיך אין דער האנט אונ מאך מיט איר אין דער לופטען אונ
שרייא דער בייא גאנץ הויך דער שיף קאפיטאן איז אין דער צייט
אויף דעם וועגיל בוים וואש ער איז גאנץ הויך אונ דער זעהט וויא
איך מאך אזו שיקט ער צוועלעפי מאטראזין צוא מיר מיט איין

ANOTHER BIRD

RESCUED BY A SHIP

שיפעל



שיפעל איך זעץ מיך אריין דרונען אונ קום צוא דער גרויסער שיף
דיא לייט אנטפאנגען מיך זייער שיין אונ גיבען מיר עסין אונ
טרונקען איך דער צייל זיא מיין גאנצי געשעכטי פון אן הייב
ביז צום סוף אונ וויין זיא מייני דימענטען אונ שיינק איטליכען
עפעס פון זיא זיא פאר וואונדערען זיך זייער דרוף מיר רייזין
בייא פיל אינזלען אונ דער ווינט איז אונז זייער גוט ביז מיר
קומען צוא איין אינזעל וואש הייסט קאנפער אינזעל דארט
וואקסין אזעלכי ביימער וואש מען ציט אויש פון זיא קאנפער
דיא ביימער זענין אזו גרויס אונ גראב אז טויזנט מענטשען קענין
רואן אין זיין שאטען דיא אלי קופט לייט פון דער שיף גייאן ארום
אויף דעם אינזעל אונ האקין גאנץ טיף פון דיא ביימער ביז עס רינט
דער פון איין זאפט דער פילען זיא דער מיט זייערי כלים איך דארף
עס אבער ניט ווארום מייני דימענטען טרעפין פיל מיין אן איידער
זייער קאנפער אוך רייזין מיר אויף אזעלכי אינזער וואש וואקסין
דרוף מושקאט ניס אונ נעגעליך פעפער אינגבער אוך פיל אנדער
גיווערץ מייני קופט לייט פאקין עס אויף דער שיף וויא פיל
מעגליך איז אבער איך נעם קיין שום זאך ניט מיר זעהען אוך
אויף דעם ים פיל ווינדערליכי פיש וואש איטליכער איז גרויס
מער פון צווייא הונדערט איילען אוך אמאל ווער איך זייער
קראנק אונ דיא קופט לייט האבען אויף מיר גרויס רחמנות ביז
איך ווער ווידער גיזונד מיר רייזין נאך אויף דעם ים דרייא חדשים
ביז מיר קומען צוא דעם לאנד אבשנייע פון דארטען רייזט איטליכער
אויף זיין ארט איך פאר קויף עטליכי דימענטען אונ נעם פאר זיא
פינף פונט גאלד אונ לאז מיר מאכען זייער שייני אונ רייכי קליידער
אונ רייז מיין וועג צוא הויז מיין גאנצי פאמעליע אנטפאנגין מיך
מיט דיא גרעסטי פרייד איך דער צייל זיא מיין גאנצי געשעכטי
איך פאר קויף אלי מייני דימענטין אונ קויף מיר פיל גיטער אונ
הייזער אונ קנעכט איך לעב מיט דיא בעסטי תענוגים אויף דער
וועלט איך טראכט איך וועל שון מער ניט רייזין אויף דעם ים
ווייל איך וועל לעבין . וויא צענטורע האט דאש אלץ אויש דער
ציילט איז שון גקומען דיא צייט מיטאג צוא עסין קומען זיך צום
הויף ווידער אלי געזעלין וואש זענין נעכטין געווען בייא דעם עסין
קען ניט צום טיש אלעריא בעסטי שפייז מען עסט אונ טרונקט

ABYSSINIA

RETURNS HOME

ביז

בין אבונט אונ מאניקי שפילען זייער שיין דער נאך גייאן אלי געסט
צוא הוז אונ ווענטורע בלייבט ווידער געבעטיגען מיט דיא גרעסטי
הערען ער זאגט צוא אים מארגין פריא זאלט איר ווידער צוא מיר
קומען צוא הערין מייני גישיכטי צוא מארגין גייט ער גלייך צוא
דעם הער צענטורע אויש צוא הערין ווייטער דיא גשיכטי אונ ער
הייבט אים אן ווידער צוא דער ציילין :

דער אנדערער ארים פאר פון צענטורע אויף דעם ים

SET OUT FOR JAPAN

ביא מיין פרייד אונ מיין שיין לעבין האב איך גאר פאר געסין אן
מיין אנגסט אונ לייד וואש איך בין אויש גשטאנען אויף דעם
ים אונ האב ווידער לוסט גקריגען צוא רייזין אויף דעם ים איך רייז
אפ פון מיין שטאט מיט פיל קוף לייט אין קאמפאניע אונ נעם
מיט פיל סחורות מיר נעמען אונזער וועג נאך יאפאניא אונ מיר
רייזין אלאנגי צייט אויף פיל אונזלען אונ מיר האבען פאר דינט פיל
געלט דורך אונזער הענדיל איך האב צום ערשטין פאר דינט
ווייל איך האב זייער פיל סחורה גהאט איין מאל דער וועקט זיך
אגרויסער שטורים ווינד אונ טרייבט אונז צוא איין אינזעל דער שיף
קאפיטאן הייבט אן זייער צוא שרייאן אונ צוא יאמירען אונ זאגט
צוא אונז ליבי ברודער מיר זענין אלי פאר לארין דען אויף דעם
אינזעל וואגען ווילדי מענטשען זייא זענין באוואקסין פון קאפ ביז
פים מיט רוטי האר אונ זייא זענין פיל וויא דיא היישעריקען ווען
מיר זאלען איינעם פון זייא טייטען אזו פאלען זייא אלי איבער
אונז אונ וועלען אונז צוא רייסין אויף שטיקער מיר האבין גרוס מיא
צוא ווענדין דיא שיף אויף אנגדער זייט אבער עס איז אום
מעגליך ביז מיר קומען צום אינזעל וויא מיר האבען נאר דיא
שיף פאר אינקערט אזו קומען אן זייער פיל ווילדי מענטשען
זייער גרוס איז מיין ניט וויא איין איל מיט איין פערטיל זייא
ריידען צוא אונז מיר פאר שטייאן אבער ניט זייער לשון זייא
נעמען דעם זעגיל בוים ארוס אונ דעם איינקער נעמען זייא
אראפ אונ ציהען דיא שיף שטארק צום ברעג אונ זייא נעמען
ביא אונז צוא אלי סחורות מיט אונזער געלט אונ לאזין אונז פרייא
אונ גייאן זיך זייער וועג מיר גייאן ארום דעם אינזעל אגאנצי צייט
מיר געפינען דארטין קרייטעכין אונ פרובטען אונזער לעבין צוא

ROBBED BY THE NATIVES

דער



דער קאפיטאן ׳ אמאל דער זעהען מיר אגרויסען גבייא אונ עס איז
ארום גצאקט מיט אגרויסען מויאר אונ דרונען איז מיין ניט פאר
האנדין נאר איין טיר ווערען זייער פריילעך דאש מיר מיינען
דארט איז איין וואוינונג פון מענטשען מיר גייאן גלייך אריין דורך
דער טיר אונ קומען צוא איין גרויסען הוף ארום דעם הוף זעהען מיר
ליגען פיל מענטשען ביינער אונ אויף דער אנדערער זייט פיל בראט
שפיזין מיר ציטערין פאר פחד אזו ווילען מיר צוא רוק לופען דער
ווייל קומט אן אגרויסער אשרעקליכער מענטש אשווארצער אונ
פאר שליסט דיא טיר · דער מענטש איז הויך ביז צוואנציג איילן
אונ איז אזו שרעקליך וואש מיר אלי זענין פאר אים דער ציטערט
גווארין אין מיטען זיין שטערין האט ער נאך איין דריט אויג
אונ צווייא פון זייני פעדערשטי ציין גייאן אים ארויש ווייט פון
מויל דיא אונטערשטי ליפ הייגט אים אראפ ביז דער ברוסט
דיא אויערין באדעקין אים זיין גאנצין האלז זייני נעגיל זענין
זייער גרוס אונ קרום · דער שרעקליכער מענטש גייט גלייך

LOCKED IN BY A MONSTER

צוא אונז אונ האפט מיך אונ באטאפט מיר דאש גאנצי לייב
וויא איין קצב באטאפט איין בהמה אוב זיא איז פעט איך בין
אבער זייער מאגער אזו לאזט ער מיך אפ אונ באטאפט אלי מענטשען
אבער דער שיף קאפיטאן איז פעטער פון אונז אלי נעמט ער אום
מיט זיין רעכטי האנט אונ מיט דער אנדערער האנט נעמט ער
איין בראט שפיז אונ שטעקט אים זיא דורך זיין לייב פון אונטען
ביז ארויף אזו וויא מען שטעקט דורך איין פויגעל ער מאכט גלייך
איין פייער אונ בראט אים אפ ער עסט אים אויף צום אבונט
מאל צייט מיר זעהען עס אלי מיט אביטער הארץ אונ אלי פאר
טרייבט ער אין איין פינצטער הויז אריין אונ נאר מיט איין טיר
פון אייזין ער גיט אונז עסין אבער מיר עסין זייער ווייניג מיר
פאר ברענגין דיא גאנצי נאכט מיט גרוס לייד צוא מארגין לאזט
ער אונז אויף דעם הויף ארויש עס קומען נאך פינעף ווילדי מענטשען
מיר דער שרעקין זיך נאך מער ער נעמט ווידער צווייא פון אונז
אונ בראט זייא אויף דיא שפיזין אונ עסט זייא אויף מיט זיין
קאמפאניע · אונ אזו גדוארט עס עטלעכי טאג ביז מיר בלייבין
נאר פיפצין פארשוין :

EATS THEM ONE BY ONE

אמאל זענין דיא פינעף ווילדי מענטשען אוועק גגאנגין אונ
דער

דער דרעקליכער מאן בלייבט נאר אליין אזו לייגט ער זיך שלאפן אונ דיא מיר פון דעם הויף אין גוט פאר שלאפן מיר זוכען זיך איין עצה וויא ארום מיר קענין פון אים אנטלופין איך זאג מיר זאלין דיא ברעט שפיז אן גליהען אין אים אויס צוא שטעכין זייני אויגין מיין עצה געפעלט זייא אונ מיר צוא גליהען דרייא שפיזי אונ מיר שטעכין אים אריין אין זייני אויגין אלי דרייא שפיזין גלייך זעניין אים תיכף אויס גרונין דיא אויגין ער שפרונגט אויף אונז אלין צום טוט שלאגען ער קאן אבער ניט חאפין ווארום מיר לופען ארום אויף דעם הויף מיר מאכין אויך אגרויס פייער אונ צינדען אן דיא מיר ביז זיא פאלט צוא דער ערד אונ מיר אנטלופין אין דעם אינזעל . מיר זעניין שון גאנץ וייט פון דעם ווילדען מענטש אבער מיר הערין נאך זיין ביטער געשרייא מיר גייאן איבער דעם אינזעל ביז מיר קומען צוא אונזער שיף עס איז שון פארכטין צוא זיין מער אויף דעם אינזעל אזו קלייבען מיר צום הויף פיל קלעצער אונ מאכען זיך דער פון אזו וויא טראטווען מיר זאלין אויף זייא שווימען אויף דעם ים .

וויא מיר האבען שון צוא נאנד געבונדען דיא טראטווען זעהן מיר פון ווייטען אז דער געקליבער ווילדער מענטש אונ נאך פיל ווילדי מענטשען קומען אויף אונז , מיר זעצין זיך גיך אויף דער טראטווע אונ מיר רודערען אלי מיט אונזערי קרעפטין ביז מיר זעניין שון פיל אוועק געפארין פון דעם אינזעל . דיא ווילדי מענטשען נעמען זייער גרויסי שטיינער אונ גייאן אין וואסער אונ ווארפען אונז נאך דיא שטיינער זייא טרעפין אין אונזערי טראטווע אונ זייא ווערין צוא ריסין אונ עס פאר טרינקט אלי לייט נאר איך מיט נאך צווייא מענטשען זעניין איבער געבליבען אויף איין טראטווע נאר ווייל מיר זעניין געווען ווייטער פון זייא , מיר שווימען אויף דער טראטווע דיא גאנצי נאכט אונ נאך אטאג מיט אנאכט דער נאך קומען מיר צוא איין אינזעל מיר געפונען דארטין פיל פראכטין אונ אלערלייא האנד קרייטער מיר לייגין זיך אביסעל אפ רוהען קומט פליצלונג אויף אונז איין שלאנג וואס ער איז אזו גרויס וויא דער גרעסטער בוים אונ נעמט איינעם פון אונז אונ שלינגט אים איין אין גאנצין מיר לופען געשווינד אוועק דעם אנדערין טאג גייאן מיר אויף דעם דאזיגען אורט געפונען מיר זייני ביינער ליגען . ביא



BURN OUT HIS EYES & ESCAPE

WILD NATIVES SINK THE RAFTS

SNAKE SWALLOWS ONE OF THE 3



דעם אום גליק זאג איך באשעפער פון דער וועלט ווארום זעניין מיר אזו אומגליקליך געווען האבען מיר זיך געפרייט דאש מיר זעניין ניצול געווארען פון דעם ווילדען מענטש אונ אצונד זעניין מיר אין פארכט וועגין דיא שלאנגין .

וויא עס איז נאכט געווארען גייאן מיר ביידי ארויף אויף אהויכין בוים דער שלאנג קומט אבער אונ וויקעלט זיך ארום דעם בוים אין דער הייך אונ שלינגט איין מיין געזעלין איך בלייב אין ציטערניש דיא גאנצי נאכט ביז טאג וויא דיא זון האט אן גהויבין צוא שיינען גייט דיא שלאנג אוועק אונ איך גייא אראפ פון דעם בוים מיט גרויס פארכט אונ הונגער איך גייא ארום צווייא טאג ביז איך קום אויף אין אורט וואש דארטין וואקסין גראנאטעפיל איך עס דער פון גאנץ זאט אונ נעם מיט וויא פיל מיגליך איז אונ גייא ווייטער ביז צום ים אונ בלייב דארטין גאנצי אכט טאג ביז איך דער זעה איין שיף גייט פון ווייטען דער שיף קאפיטאן האט מיך דער זעהן דיא שיקט ער מיר איין קליין שיפעל אונ נעמט מיך צוא זיך אין שיף אריין אויף איין מאל קומען מיר צוא איין אינזעל וואש איז וויסט אונ ניט באוואנט פון מענטשען מיר בלייבען ביא דעם אינזעל שטיין אונ גייאן פון דער שיף ארויש אויף דעם אינזעל צוא באוועהען מיר געפונען אויף אים וואקסין זייער היפשע פירות אונ מיר נעמען דער פון וויא פיל מיגליך איז וויא מיר גייאן שון צוא ריק צוא דער שיף געפונען מיר איין איי פון דעם גרויסען פויגעל ראכע דאש איז אזו גרויס וויא דאש וואש איך האב אייך שון פריער דער ציילט זעניין מיר געקומען אויף איין אורט פון דעם איי אזו דער זעהן מיר אז דער יונגער פויגעל וואש איז דרונען איז שון גאר פארטיג געווען אונ האט שון מיט זיין שנאביל דאש איי דורך געפיקט ארויש צוא קומען דען ער איז געווען אין גאנצין פארטיג נאר ווייל דיא אלי מייני שיף לייט האבען שון פון אלאנגי צייט קיין פלייש ניט געגעסין אזו נעמען זייא איין האק אונ צוא ברעכין דאש שאליכץ פון דעם איי אונ נעמען דעם יונגען ראכע אונ מאכען אים ריין זייא קאכין אונ בראטין אים . מיר עסין פון אים וויא פיל מעגליך איז אונ דאש איבעריגי נעמען מיר מיט דאש געשמאק פון דעם פויגעל פלייש איז נאך פיל בעסער וויא דאש בעסטי קאלב פלייש . וויא מיר קומען שון צוא דער שיף אזו זעהען מיר פון ווייטען פליהען



SNAKE SWALLOWS 2nd

RESCUED

THEY DEVOUR A ROKHE CHICK

צווייא גרויסי פויגלן ראבע דיא עלטערין פון דעם יונגען פויגעל איך היב אן צוא שרייאן צוא מיינע שיף לייט דיא פויגלן וועלען אונז דעם טוט מאבען ווען זייא וועלען זעהען דאש זייער יונגער פויגעל איז אויף געגעסין אונ מיר לויפען וויא צום געשווינדסטען אין דער שיף אונ פאר ציהען דעם זעגיל מיר רודערין זיך מיט אלי אונזרי קרעפטין אונ ציהען אפ פון דעם אינזעל ·

THE PARENT BIRDS SINK THE SHIP

דיא צווייא ראבע וויא זייא האבען געזעהען אז זייער פויגעל איז אויף געפרעסין אונ דאש איי איז צוא האקט אזו מארקין זייא זיך גלייך דאש מיר האבען דאס געטאן מיר זעהען פון ווייטען דאס דיא פייגעל פליהען שון צוא ריק אויף דעם אורט פון וואנען זייא זענין געקומען מיר פרייאן זיך זייער דריבער דאס מיר זענין פון זייא ניצול געווארין אונ מיר רייזין עס גרוארט אבער ניט לאנג קומען דיא ביידי פויגלן ווידער אויף אונז מיט גרוס צארין צוא פליהען איטלעכר פון זייא האלט צווישען זייני פיס איין גרויסען שטיין אזו שוועבין זייא איבער אונזער שיף אייגער לאזט פאלין זיין שטיין פון גאנץ אובען אין דער הויך דער קאפיטאן איז אבער זייער געשווינד אין זיין ארבייט אונ קערט אפ דיא שיף אין דער זייט דאס דער שטיין פאר בייא דער שיף איז אונ טוט אונז קיין שאדין ניט דער אנדערער פויגעל איז אבער נאך פיל קלוגער אונ לאזט זיך נאך אראפ נידריגר פון דער הויך אזו טרעפט ער מיט זיין שטיין גלייך אויף אונזער שיף אין רעכטין מיטען דאס זיא ווערט אויף פיל שטיקער צוא בראכין ·

HERO SURVIVES

עס ווערט אלין וואס אין שיף פאר נעצט אלי לייט ווערען דער טרינקען אונ איך וואר שון אויך אין דאס וואסער ארויף אונ באקום צוא קריגען איין פאס וואס אויף דער שיף איז מיט אלערלייא האנדל שפייז איך לייג מיך מיט מיין פנים אויף דער פאס איך האלט מיך פעסט אן דיא איגדען ווארפען מיך הין אונ אהער איין גאנצין טאג אונ נאכט ביז דאס איך קום צוא איין אנדערין אינזעל וואס איז מיט מענטשען באוואנט איך קום צוא איין היפשי גמוארטי שטאט אונ וויא איך בין גאר ארייין געקומען אין דעם טואר באגעגין איך איין יונגען מאן ער גריסט מיך פריינטליך אונ איך באדאנק מיך בייא אים ער פרעגט מיך ווער איך בין אונ וואס מיין בארעפעניש איז אין דער שטאט ·

REACHES A CITY

איך



HUMAN DONOR

איך דער צייל אים מיין גאנצי געשיכטי פון אן היב ביז צום סוף · ער באקומט גרוס רחמנות אויף מיר אונ ער נעמט מיך צוא זיך אהיים אונ קרוג פון אים דאש בעסטי עסין אונ טרונקען · עס טוט מיר זאך זייער באנק מיין גבורינם לאנד צוא פאר לאזין איך האב שטענדיק אין זינען נאך מיין לאנד פערסיא איך גייא אוועק פון דארט ביז צום ים אונ דער זעה איין שיף גייט פון ווייטין ·

BOARDS YET ANOTHER SHIP

דער שיף קאפיטאן וואר גראד צוא דער צייט אויף דעם זעגיל בוים האט ער מיך דר זעהען אויף זיין שפאקטיווע שיקט ער עטליכי מאטראזין מיט אקליין שיפעל אונ געמען מיך צוא זיך איך דער צייל זייא מיין גאנצי געשיכטי אונ מיין גרוס שרעק וואש איך בין אויש געשטאנען זייא פאר וואונדערין זיך זייער אונ געבען מיר עסין אונ טרונקען פון אלי בעסטי מיר פארין מיט אגליקליכען ווינט דורך פיל אינזלען ביז צוא דעם אינזעל זאלאהאט וואש מען באקומט דארט זאנדעל האלץ דאש איז זייער טייאר האלץ דאש ווערט געברויכט צוא פיל רפואות דארטין פאר זאמין מיר צווייא וואכין אונ מיר אלי קלייבין דאש האלץ אונ פאקין עס אין דער שיף ·

אמאל זיצען מיר אלי אויף דעם אינזעל אונ איטלעכער דער ציילט פיל זאכין דער שיף קאפיטאן דער ציילט אויך דאש ער האט אמאל גרייזט פון פערסיא מיט פיל געזעלין נאך אינדייא · אונ וויא זייא קומען צוא איין אינזעל וואש איז גאר געוועזן איין וואלפיש אונ ניט קיין אינזעל איז אקופמאן מיט זיין נאמען צענטורע דריבער דער טרינקען געווארען איך האב אים אויך גלאזט אקליין שיפעל ·

RECOGNITION SCENE

וויא איך טוא דאש הערין אזו באטראכט איך דעם שיף קאפיטאן אונ דער קען אים גלייך איך זאג צוא אים ער האט גוויס געהייסין צענטורע זאגט ער יוא פאר גוויס זאג איך צוא אים עפינט אויף אייערי אויגין אויף מיר אונ באטראכט מיך גוט דאש איך בין דאש צענטורע ·

דער

דער קאפיטאן באטראכט מיך אונ דער קענט מיך גלייך
ער. פאלט מיר אויף דעם האלז אונ קישט מיך אונ זאגט צו
מיר איר וועט בייא. מיר באקומען גאר אייער געלט וואש איך
האט גלאזט אין שיף איך וואלט עס גוים געווען אפ נגעמען
אייער פאמיליע נאר איך האב קיין מאל קיין רייז גהאט נאך
דעם פערסיא ·

IS REIMBURSED FOR HIS INITIAL LOSS

ער גייט אין זיין צימער אריין אונ נעמט דאש גאנצייא
געלט ארויש אונ גיט עס מיר אפ אין גאנצין איך דאנק אים
זייער דרוף אונ אלי דיא קופלייט פאר וואונדערין זיך זייער אויף
דעם ערליכקייט פון דעם קאפיטאן פון דעם אינזעל רייזען מיר
אפ אונ קומען ווידער צוא איין אינזעל וואס דארט איז צוא קריגען
אלירלייא טייערי בשמים · נאך דעם קומען מיר צום לאנד אונ
איך שייד מיך אפ פון דיא זעלין זייא בלייבן אין זייער לאנד אונ
איך רייז קיין פערסיא מיט פיל סחורה גאנץ גליקליך נאך מיין
הוז מיין גאנצע פאמיליע אנטפאנגען מיך מיט דאס גרעסטע
ליבשאפט אונ פריינט שאפט איך פאר קויף אלע מיינע סחורות
מיט אגוטען פרייז אונ קויף ווידער גיטער אונ לעב עטליכי יאר
מיט גרוס תענוג אונ פאר געס ווידער אן מיינע אום גליקען וואס
איך האב גהאט אויף דעם ים :

וויא צענטורע האט אום דער ציילט זיין אנדערע רייז זאגט
ער צוא וועגטורע · נוא מיין פריינט איר האט שון אום געהערט מיין
אנדערן אום גליק נוא קענט איר פאר שטיין דאס אמענטש מוז זיך
תמיד פאר לאזין אויף גאט ב״ה דאס ער קען אים העלפין פון זיין
אומגליק ווען עס גייט נייך אזו שלעכט מוזט איר דאך אייער
האפונג ניט פאר לירין דען עס קען ערגער ניט זיין וויא מיר איז געווען
בין איך דאך גקומען צוא דעם הויכען שטאנד · וועגטורע זאגט מיין
הער איר זאגט רעכט איך וועל שוין ניט האבען קיין שלעכטע
גדאנקען אויף דעם בשעפר נאר איך וועל אלץ פאר ליב אן נעמען
עס ווערט שון מיטאג. ציים קומען ווידער פיל געסט צוא שפייזען
מיט גרעסטען כבוד אונ לוסטיקייט אונ מען שפילט אויף אלרלייא
מאזיק נאך דעם גייען אלע געסט אהיים ·

MORAL: FAITH





נעמט דער הער צענטורע אבייטל מיט רענדליך אונ
שענקט צוא וועגטורע אונ זאגט אים נעמט דאס אהיים אונ קומט
מארגין ווייטער צוא הערין מיינע גשיכטע · וועגטורע דער ארימער
טרעגער גייט. אהיים מיט דאס גרעסטי פרייד · זיין ווייב אונ
קינדער האבען גהאט גרויס פרייד וואס זייא האבען אים גזעהן אזו
שיין באקלייד ער ווייזט זייא דעם בייטל געלט וואס ער האט
באקומען איין גשאנק אונ האט זייא דער ציילט דיא גאנצי גשיכטע
זייא דאנקן אונ לויבן דעם בשעפר וואס ער האט אים באגליקט צו
מארגינס פריא קומט דער וועגטורע צוא דעם הער צענטורע אום
צוא הערין זייני גשיכטע ער נעמט אים זייער שיין צוא · אונ הייבט
אן ווייטער צוא דער ציילן :

## דער דריטער אום פאר פון צענטורע אויף דעם ים

מיינע גדאנקען לאזין מיך שון ניט זיצען אין דער היים אונ עס
בלייבט בייא מיר ווייטער אויף דעם ים צוא רייזין איך קויף
מיר פיל סחורות אונ רייז אויף איין שיף מיט אנדערי קופס לייט
מיר רייזין דורך פיל אינזלן באגליקט · איין טאג קומט אגרויסער
שטורעם ווינט אונ עס טרייבט אונזער שיף מיט גרויס שרעק דער
קאפיטאן טוט אלי מיגליכקייט אבער עס איז אום זוסט די זעגיל
ביימער ווערין צוא ריסין אויף טויזנט שטיק אונ דיא שיף בלייבט
שטיין אויף איין גרויסען שטיין אונ ווערט צו בראכין אלי קויף לייט
מיט דיא מאטראזין ווערין דער טרענקין אונ דאס גאנצע לאדונג
גייט אונטער גאר איך מיט עטליכי סוחרים אונ מאטראזין האבען
דאס גליק מיר זענין גבליבען שטיין אויף איין באליק דער באליק
שווימט צוא ביז איין אינזל מיר בלייבין דארטין געכטיגן אונ גפונען
דארטען פיל פראכט צוא מארגען גייען מיר אויף דעם אינזל זעהן מיר
פון ווייטען איין וואונונג גייען מיר צוא · אזו באלד רינגלען אונז ארום
פיל שווארצי מענטשען אונ פירן אונז אין זייערי הייזר אונ מען גיט
אונז עסין היפש קרוט מייני גזעלין עסין דאס מיט גרויס לוסט אבער
איך וויל דאס ניט עסין ווייל דער ריח דער פון איז מיר זייער דער
ווידר אונ דאס איז געווען מיין גליק באלד זעה איך אז מייני גזעלן
האבען זייער שכל פאר לארין אונ ווייסען שון ניט וואס מיט זייא

ONCE AGAIN HE IS MIRACULOUSLY SAVED

טוט זיך דער נאך גיט מען זײא דײז גפרעגילט מיט גוטן בוט…
זײא פרעסין עס זײער גישמאק אבער איך עס דער פון גאר…
דאס קרוט האבן דיא שװארצע מענטשן אונז געבין עסין…
מיר זאלין פאר לירן אונזער שכל מיר זאלין קײן צער ניט האבן…
אויף אונזער אומגליק אונ דיא דײז איז כדי מיר זאלין פעט װערן…
װעלין זײא אונז אויף פרעסין מײני גזעלן װערין פעט אין אײן קורצ…
צײט אונ זײא שעכטן זײא אונ זײא פרעסין זײא אויף ביז צו אײנ…
איך האב אבער מײן פאר שטאנד ניט פאר לארין איך בין גא…
מאגער װיא פריער זײא לאזין מיך לעבין אבער איך מוז בײא…
גאנץ שװער ארבעטין · אמאל זענין אלי שװארצע מענטשן גגא…
אויף דעם געג עס בלײבט נאר אײן אלטער מאן איך נעם אגרוס…
שטײן אונ צוא שפאלט אים זײן קאפ ביז ער װערט טוט אי…
נעם אביסל שפײז אונ לויף אװעק · בײא טאג מוז איך מיך…
באהאלטן אונ בײא נאכט גײא איך מײן װעג אזו גײא איך א…
זעכצין טאג אויף דעם זיבעצעטן טאג קום איך גאהוגט פון דעם ים…
אונ זעה אן לײט גאנץ װײט װיא איך קום גאהונט פון דיא לײ…
זעה איך אז דיא לײט קלויבן דעם זאפרין װאס װאקסט דאר…
זײער פיל דיא לײט קומן צוא מיר אקעגין אונ פרעגין מיך װע…
איך בין אונ װיא ארום איך קום אהער איך דער צײל זײא אלט…
װאס זײא פאר לאנגן פון מיר װיא איך האב גלופן אין דיא הענ…
פון דיא שװארצע מענטשן · זײא פאר װינדרין זיך זײער דריב…
װיא איך בין פון זײא אנטרינן געװארין איך בלײב בײא זײא בי…
זײא האבן גאנץ פיל זאפרן אן גקליבן דער נאך נעמין זײא מי…
מיט אונ זײער שיף אונ ברענגן מיך צוא זײער קינג ער איז זײע…
אגוטער מאן נאר איך מוז אים מײן גאנצע געשיכטע דער צײלן אונ…
ער הײסט אז מען זאל פאר מיר זארגין אונ אלטין װאס איך װעל…
נאר בדארפין :

קורץ איך בין אזו באליבט בײא דעם קינג אין דעם גאנצן…
הויף אז זײא האבען אן מיר ניט גקענט רוען · אויף אײן מאל װיא…
איך בין געװען בײא דעם קינג זאגט ער צוא מיר צענטורע איך…
האב דיך ליב אונ איך װײס אויך אז אלי מײנע אונטער טעננ…
האבן דיך ליב איך װעל דיך אײן זאך בעטין נאר דוא זאלסט…

מיר



…ום איר ניט פאר זאגין · זאג איך געװעדיגער קינג אלטין װאס נאר
…װײגלעך איז בין איך אן גבריט צוא טאן דער קינג זאגט איך
…ן פעל דיר אײן פרױא געבין כדי דוא זאלסט פאר געסין אין דײן
…בורין לאנד אונ אויך זאלסט ניט בענקין :

קורץ איך האב חתונה מיט אײן הײפשע הויף דאמע אונ
…לעב מיט איר אײן לאנגע צײט מיט דעם גרעסטין פאר גנוגן ·
…עם טוט מיר אבער זײער באנק מײן געבוירינם לאנד צו פאר לאזין
אונ האב תמיד אין זינען פון דארטין אנטלויפן נאך מײן לאנד
…פערטיגא · אויף אײן מאל װערט מײן (נאכבר) דאס הײסט אײן
…בן איז זײן פרױא קראנק זיא האט קײן הילף ניט אונ שטארבט
אונ װײל איך בין זײער אגוטער פרײנט גװען פון דעם מאן אזו
…יא איך אים צוא טרײסטין ער זאגט צוא מיר װאס העלפט מיר
…ײער טרײסטין איך האב דאך שון ניט מער װיא אײן שעה צוא
…עבין אויף דער װעלט איך זאג צוא אים ליבער פרײנט רעט ניט
װעלכע נארישקײט איר װעט נאך אײן אנדערע פרױא באקומען
אונ װעט מיט איר נאך פיל יארין אין פרײדן לעבן דען עס איז
פאר האנדן אלע צײט פרױען צוא באקומען אונ נאך פיל בעסרי װיא
…יא איז געװען · איר מוזט זיך דיא נארהײט פון זינען ארוס נעמין ·
…ר ענטפערט מיר ליבער צענטורע איך װינטש אײך אונ אויך אלע
…ײנע ליב האבער נאך פיל יארין אויף דער װעלט צוא לעבין אבער
איך האב ניט מער װיא אײן שעה צוא לעבין דען אזו באלד װיא
…ײן פרױא װערט באגראבין אזו װער איך אויך לעבעדיג באגראבין
…ען אויף דעם אינזעל האבן אונזרי עלטרין אזו אײן גפירט אז װען
…ער מאן שטארבט אזו װערט זײן פרױא אויך באגראבין מיט אים
אונ װען דיא פרױא שטארבט אזו װערט איר מאן אויך באגראבין
מיט איר אונ עס איז דא פאר האנדן אײן היל װאס מען לײגט
…ארטין ארײן דיא טוטי דעם טוטין מאן לײגט מען ארײן אין
…טרוני אונ מען פוצט אום דיא טרוגע מיט גרויסי רײכקײט אונ
…עם לעבעדיגן מאן לאזט מען אויך אין דער היל אונ מען גיט אים
…צא בעסטי שפײז אויך פון דעם בעסטן װײן אויף דרײא טאג זײן
…עבין צוא דער האלטן דער נאך מוז ער שטארבן פאר הונגר גײא
…ײן ליבער פרײנט אי װינטש דיר פיל יארן מיט גרוס גוטס אבער

איך

MARRIES

THEIR PAGAN CUSTOM

HIS FRIENDS ARE FATTENED UP & EATEN

HE BECOMES A SLAVE

ESCAPES

BOARDS SHIP

USE עבו״ם TO DENOTE GOYISH RITUAL

DERVISH

איך מוז זיך שון אפ שיידן פון דער וועלט · אונ איך צענט
ווער דריבער זייער דער שראקן דען עס טוט מיר זייער באם
אוף מיין גוטין פריינט דער ווייל קומן דיא דערווישע אוך
הערן אונ פראסטי מענטשין זכרים אונ . נקיבות צוא באלייטן
פרויא נעמען זייא דיא פרויא אונ לייגן אריין אין איין טרוגי
זיא איז גצירט · איר מאן געזעגנט זיך מיט זיין גאנצי פאמעליע
אונ מיט אלי גוטע פריינט מיט גרוס גוויין אונ ווערט אוך גפיר
צוא דער הייל איך גייא אוך מיט זייא צוא זעהן וואס דא ווערט
זייא קומן צוא דער הייל אונ לייגן אריין דיא טוטי פרויא מיט ד
טרוגע אונ דעם לעבעדגן לאזין זייא אוך אריין אין דער הייל
פאר שליסן דיא טיר וואס זיא איז פון אייזן אונ איין פעסטן שלאס
דער נאך גייען אלע לייט צוא ריק · וועגין גרויס צארין אונ
דראס גייא איך צום קינג אונ זאג גנעדיגער קינג · עס איז
אגרויס ווינדער אוף דעם נארישן מנהג וואס אין אייער לאנד
איך האב שון דורך גרייזט פיל לענדר אונ האב ניט געזען אזעל
נארהייט דאס מען זאל איין לעבעדגן מענטשן באגראבין אן
שום שולד · דער קינג ענטפערט ליבער צענטורע דער מנהג
שון פון לאנגע צייטן איך קען עס ניט ברעכן איך זעלבסט
אונטער דעם מנהג דאס ווען מיין קיניגן זאל פריער שטארבן ווי
איך אזו באגראבט מען מיך אוך מיט איר דיא נארהייט איז ש
אין דעם לאנד מיין וויא טויזנט יאר זייא זאגין אז דער מאן אאב
דיא פרוא באקומען דורך דעם דאס אייביגע לעבן אין גן עדן
פרעג איך ווידער דעם קינג אפרעמדער מענטש וואס ניט גיבא
איז ער מוז אוך האלטן דאס גזעטין ענטפערט דער קינג
גוים אביא ער וואנט נאר אוף דעם אינזל מוז ער אוך האלטן
דאס גזעטין מיט דעם ענטפר גייא איך טרויעריג אהיים אונ
אלטין מיין פרויא זאל ניט קראנק ווערין איך טראכט צו אנטלו
פון דעם אינזעל אבר עס איז אום מיגלעך ווייל דיא פרעמדי אייא
וואגיר ווערן דארט זייער גהיט · מיין ציטערניש פעלט מיך
ניט דאס אין עטליכע מאנהייט באקומט מיין פרוא איין קראנקהייט
אונ שטארבט דער פון · עס איז מיר זייער ביטר אוף מיין הארצ
דאס איך זאל לעבעדיגער הייט באגראבן ווערן עס וואלט ש
בעסר גוועזן אז דער ווילדער מענטש אודער דיא שלאנגן זאלן מי

HIS TALK WITH THE KING

HIS OWN WIFE DIES



ן אוף עהן · וואס זאל איך אבער טאן איך מוז זיין אן גבריית
טוט דער קינג מיט זיין גאנצין הויף אוך אלי הערן אונ דאס
גאנצע פאלק פון דער שטאט קומען צוא מיין הויז צוא באגראבין
באלייטען מיין פרוא דיא טוטי אונ מיך לעבעדיגר הייט מען
גט מיין פרוא אונ איין טרוגע וואס זיא איז באדעקט מיט גאלד
טייערי שטיינער אוך טוט מען איר אן טייערי קליידער · אונ
ציהט מען אראפ מיינע קליידער אונ מען טוט מיר אן אנדרי
ידער אוך זייער טייערי אונ פאר מיר איז אוך פאר האנגען
אזהנקערי טרוגע פיין אום גפיצט · דיא דערווישע מאכן זייער
ארמני אונ מען טראגט מיין פרוא פריר :

אונ איך ווער גפירט דורך צווייא מענטשן דיא גרעסטע
ן אונ מיין טרוגע ווערט גיטראגן נאך מיר איך בין שון מער
וויא לעבדיג אונ מיין וועג פאר גיס איך מיט הייסי טרערן
א מיר זענין שון ביי דער הייל קער איך מיך אים צוא דעם
נג אונ צוא דיא אלע הערן וואס באלייטן מיך אונ זאג זייא :
רעכנט איך נאר דאס איך בין איין פרעמדר דען ווען אייערי
טערין האבין איין גפירט דעם מנהג ביי איך דאס איז נאר
זייערי קינדער :

אבער איך וויל ניט צוא האלטן זייער מנהג דער צוא
איך נאך אונ מיין פאטערס לאנד אנאנדרע פרויא אונ
ער דרום לאזט מיך ניט אזו אום דער בארימלעך שטארבן ·
בעטן איז אבער גאר אום זוסט דאס קינגער וויל מיר ניט
פאנטפערן דרוף · זייא נעמן מיין פרויא מיט איר טרוגע אונ לייגען
דער הייל · נאך דעם לייגט מען מיך אוך אריין אין מיין
זארגע אן דער דעק אונ מען לייגט מיר דער ביי עטליכי ברוט
עטלכע פלעשר וויין אונ אלע גייען אוועק אונ פאר שליסען
אייזערני טיר אונ קערין זיך גאר ניט צוא מיין גוויין אונ צו
ין גשרייא :

וויא איך לוג אזו אין דער טרוגע אקליינע צייט באטראכט
מיך וואס זאל איך דא ליגען איך שפרונג ארוס פון דער
טרוגע אונ ווארף מיך אוף דער ערד אונ הייב אן איבער נייאם
צוא

IS BURIED ALIVE WITH HIS DEAD WIFE

צוא וויינען אונ זאגן איבער מיין ביטערן אום גליק אונ זאג
זיך אליין דיא אומגליקליכע צענטורע עס וואלט דיר ליבער
גוועזן בייא דער שיף בראך דער טרענקן ווערן אודער פון
מענטשן פרעסער אום קומען צוא ווערן אודער פון דיא שלאנגען
דען דער טוט וואס פאר הונגער איז פיל ערגער אבער דוא בים
דיר זעלבסט שולדיג דען דיין פאר פליכטען ליכט גליסט צוא
רייכקייט האסטו דיין אום גליק אויף זיך איין געצויגן איך טראג
מיר אבער וואס קען דאס מיר העלפן איך מוז מיך פאר לאזן
אויף דעם באשעפער פון דער וועלט וואס ער האט מיר עטליכע
מאל געהאלפן פון פיל אום גליקען :

BLAMES HIMSELF

איך שטייא אויף פון דער ערד אונ נעם ארויס איין ברוט
אונ עס דער פון וויא פיל איך דארף אונ טרונק אום איין גאנצע
פלאש וויין אונ בין געווארן שיכור אונ שלאף אוועק א גאנצי נאכט
מארגן פריא גייא איך ארום דעם גאנצן הייל אונ דער פינצטער
ער איז לאנג ביז פופצן הונדערט איילן אונ ברייט ביז דריי הונדערט
איילן דער שלעכטער ריח פון דיא טוטי איז מיר צום ערגסטן
איך לעב מיר אזוי מיט מיין ברוט אונ וויין דרייא טאג ·
איז אבער שון אום גאנגען מאך איך מיך גלייך גרייט צום טוט
אויף דעם פערדן טאג זעה איך וויא מען עפינט דיא טיר אונ
אריין ווידער איין טוטי פרויא מיט איין לעבדיגן מאן
פאר שליסט ווידער דיא טיר דער מאן איז זייער שלאף
שטארבט דעם זעלביגען טאג נעם איך זיין ברוט אונ וויין
לעב דער מיט עטליכע טאג איין מאל לאזט מען ווידער אריין
אטוטן מאן מיט איין לעבדיגע פרוא איך גייא ארוס פון מיין ארט
צוא דער פרוא בייא איר צוא נעמן איר ברוט מיט דעם וויין :

זעה איך וויא פון א ווינקעל שיינט עפיס ליכטיקייט איך
ווינדער מיך זייער אונ גייא צוא דעם דאזיגן ארט זעה איך וויא
דארט איז איין לאך דער ווייל דער זעה איך וויא איין ווילדער
שווין קומט צוא דער שרעק איך מיך זייער אונ לויף ווידער צוא
מיין ארט אונ לייג מיך אנידער איך בעדענק מיך אז דאס לאך
האט גיוויס גמוזט גראבן דיא ווילדע שווייגען אונ איך זעה אז
זייא נעמן אטוטן אונ האבן אים אויף געגעסן אונ זענען אוועק גיגאנגען


אזוי



ESCAPES WITH THE CHIEF COOK'S WIFE

גייא איך צוא דער פרוא וואס זיא איז ניט לאנג ארײַן גקומען
דער הייל אונ זאג צוא איר מאכט אייך פארטיג פון דעם
...ענגניש ארוס צוא גיין זיא דער שרעקט זיך זייער איבער מיינע
...רטר אונ דער קענט מיין קול אונ זאגט מיין ליבער צענטורע
... לעבסט נאך אזוי האף איך אויך צוא לעבן · איך פרעג זיא
...ך זיא איז זאגט זיא מיר אז זיא איז דאס ווייב פון דעם קעך
...יסטער פון דעם קעניג · איך זאג צוא איר עס איז אצונד קיין
...ט גיט צוא פאר ברענגען מיט רייד מיר מוזן זעהן וויא צום
...בסטן פון דאנן ארוס צוא קומען איך נעם זיא ארוס פון איר
...ונגע אונ מיר גייאן ארום דיא גאנצע הייל אונ מיר נעמן דיא
...עסטי דימענטן רובינן פעריל אונ אנדערי טייערי שטיינער אויך
...ע עטליכע ברוט אונ עטליכע פלעשער וויין מיר קומען צוא דער
... איז אבער זייער שווער ארויף צוא קומען מיר שטעלין איין
... אויף דער אנדערי מיט אלי מיגלעכקייט ביז מיר קומען ארוס
... דער לאך אויף דעם פעלד מיר דאנקען אונ לויבן דעם באשעפר
... ער האט אונז ארויס געוויזט פון דער הייל · מיר נעמן אונזער
...אלד אונ זילבער דימענטן פעריל רובינן אונ גייען אונזער וועג
... וויא עובען טאג ביז מיר קומען צו דעם ים דארטען. בלייבן מיר זיצן
... עטליכע טאג ביז עס גייט איין שיף הייבן מיר אן צוא
... אונ דיא שיף לייט דער בארימען זיך איבער אונז אונ
... אונ מען שיקען אונז איין קליין שיפעל מיט צוויי מאטראזן אונ מיר זעצן
... אריין דרינען אונ מיר קומען צוא דער גרויסער שיף איך דער
... זייא גאר מיין טרעפונג פון אן הייב ביז צום סוף מיר פארן
... פיל אינזלען ביז מיר קומען צום לאנד ארבאשי דארטן גייא
... מיט דער פרוא אראפ פון דער שיף אונ זאמן דארטן · אונ

RESCUED

...עם א טייל פון מיינע דימענטן אונ פאר בייט אויף אנדרי סחורות
וואס זענין מיר ניצלעך צוא מיין לאנד פערסיא אונ רייז צוא מיין
פרוא נאך פערסיא אונ קום גליקלעך צוא מיין הויז איך טייל פיל
...עלט צוא דיא ארומע לייט פון וועגן דעם נדר וואס דער באשעפר
האט מיר גטאן :

WHAT HAPPENS TO HER?

אונ לעב מיר גאנץ רוהיג מיט מיין פרוא אונ פאר געס
...דר אין אלע מיינע אומגליקן וואס איך האב גהאט ווי צענטורע

KING SENDS HIM ON A MISSION



האט אום דער צײלט דיא דריטע רייזע אזו ווערט שון מארג ציין
עס קומען ווידער דיא זעלביגע געסט פון נעכטין צוא שפייזן
ער געסט ווידער איין בײטל געלט אונ שענקט דעם ווענטור
אונ זאגט אים ער זאל מארגען ווידער קומען וועט ער אים נאך
מער פיל וואונדערליכי זאכן דער צײלען ווענטורע באדאנקט אין
זייער אונ גייט צוא הוז מיט דעם גרעסטין פרייד וועגין דעם
אנדרין בייטעל געלט צוא מארגן פריא קופט ער זיך ווייטער זייער
שיינע קליידער אונ טייערי קליידער אונ טוט זיך אן :

אונ גייט ווייטער צוא דעם הער צענטורע זיין פערדי רייזן
אום צוא הערן אלע שטאט לייט פאר וואונדרן זיך זייער אויף דעם
רייכן אן קליידונג פון ווענטורע · ווייל זייא ווייסן ער איז זייער
ארום גוועזן ער קומט צוא דעם הער צענטורע אנטפאנגט ער
אים זייער הערליך אונ הייבט אים אן צוא דער צײלען זיין פערדין
אום פאר אויף דעם ים :

דער פערדר אום פאר פון צענטורע אויף דעם ים

עס איז אויך פאר גווים נים צוא גליבין דאס איך זאל ווידר
לוסט האבין צוא רייזין אויף דעם ים איך וואונדר מיך
אליין אבער איבר מייני גדאנקין · איך בין קאם אין דער היים
צוויא יאר :

איין מאל וויא איך פיר מיך אזו ערליך מיט מיינע פריינד
אונ נאך פיל געזעלשאפט דא קומט איינר פון מיינע קנעכט
אונ זאגט צוא מיר דאס איין אפיציהר פון אונזער קינג פרעגט
נאך מיר · איך שטייא אויף אונ גייא אים אנטקעגין · דער
אפוציהר זאגט צוא מיר דער קינג האט נייטיג מיט אייך עפיס
צוא רייזן · אונ דרום קומט מיט מיר איך גייא גלייך מיט דעם
מאן נאך דעם קינגליכן פאלאץ · איך פאל דעם קינג צוא דיא
פיס אזו נעמט ער מיך מיט זיינע הענט אונ הייבט מיך אויף
אונ זאגט צוא מיר מיין ליבר פריינד איר זאלט מיר איין
דינסט מאן זאג איך צום קינג איך בין אלץ אן גברייט וואס
איר וועט מיר הייסן טאן · דער קינג זאגט צו דעם אנדרן מאל
איר זאלט רייזן נאך דעם אינזל סערינדב · אונ דעם קינג איין
גישאנק



גישאנק מיט איין בריב פון מיר אפ צו גיבן ·

ביא דיזר רייד פון דעם קינג בלייב איך שטיין אונ דיא
אויגין לאז איך ארונטר אונ גיב אים גאר קיין ענטפר נים · אונ
דער קינג זאגט צוא מיר ליבר צענטורע איר בנארפט זיך
מיינר גאר נים צו שעמין · וואס עס איז אייך נים באליבט אין
דעם וועג צו רייזין בלייבט אין דער היים עס וועט אייך קיין
מינסטא שלעכין נים גשעהן פון מיר · איך זאג צוא אים דעם
קינגס ווילן איז מיר זייער באליבט · איך האב איין לוסט
נאך איין מאל צו רייזין אויף דעם אינזיל וואס קאן איך אבר
מאכן ווען מיין פרוא אונ מיין פאמיליע האבן מיך דער צוא
גינייט איך זאל שון מיין נים רייזין אויף דעם ים ·

דער קינג זאגט צו מיר דאס איז ניקס דר קינג לאזט רופין
איין דערוויש אונ דער צײלט אים דאס · דער דערוויש זאגט
צוא מיר אייערי זינד זאלין זיין פאר געבין אונ איר קאנט אהין
רייזין · איך גייא אהיים אונ דער צייל עס מיין פרויא אונ
פאמיליע זייא ווערן דריבר דער שראקין אבר זייא קאנן מיר
נים העלפן · קורץ דער קינג בפעלט גלייך פאר מיר איין שיף
פארטיג מאכן :

דער קינג לאזט מיך ווידר רופין אונ ער גיט מיר טוזנט
שטיק גאלד אויף דעם וועג אונ אויך דיא מתנה פאר דעם
קינג פון סערנדיב אונ דאס גשאנק איז פופציג פאר קליידר
פון דעם פיינסטן לייוואנט וואס מען האט גבראכט פון רוטן
ים אויך זייער איין טייערן זייגר וואס דיא לייט זאגן אז ער
קומט ארויש פון דעם גרויסן קינג שלמה המלך ע״ה אונ אויך
דער ביא פיל טייערי קאברעצן · איך נעם דאס גשאנק אונ
אויך דיא בריב אונ רייז מיין וועג נאך דעם לאנד סערנדיב ·
פינף אונ צוואנציג טאג נאך אננדר האבן מיר זייער גוטן ווינט
דער נאך הייבט זיך אן איין שטורעם ווינט אונ עס טרייבט
אונזער שיף גאר נים אין אונזער וועג ·

דער קאפיטאן אליין מוז ארויף גיין אויף דעם זעגיל בוים
דיא שיף צוא רעגירן עס העלפט אבר אלץ נים מיר זעהן דאס
דער

דער קאפיטאן ווערט זייער בלייך אונ הייבט אן צו יאמרין מיט איין ביטערן שטים ' אונ זאגט מיר זייגן אלי פאר לארן · מיר פרעגין אים וואס איז דאס ער ענטפערט אונז מיר קומין צו דעם בארג וואש ער איז רוטר מאגנאט שטיין · מאגנאט שטיין האט אין זיך דעם קראפט דאס אלי אייזן ציט זיך צוא אים אונ פון וועגן פון נעגל אונ אייזן וואס עס איז גוועזן אין אונזער שיף האט עס צוא גצוגין דיא גאנצע שיף צו זיך מיר הייבין אן אלי צו יאמרן אונ אויך צוא בעטן דעם אלמעכטיגן גאט צו הילף · איטליכר נאך זיין אמונה נאך :

איינר פון דיא מאטראזין רופט זיך אן איך האב שוין לאנג גהערט פון דעם בארג דער ציילן אז ער איז אזוי הארט. דאס איז אום מעגליך ארוף צו קומען נאר אוף איין זייט האט דער בארג ענגי אונ שמאלע טרעפ אונ מיט גרויס מיא קאן מען ארויף קומען קורץ עס טרייבט אונזער שיף צוא דעם בארג אונ מיר זאנען שוין גיקומען נאהונט אזוי זענין אלי נעגיל אונ קלאמערן אויך אנדערע אייזען איז פון אונזער שיף ארויס גיצוגען גיווארען אונ דיא שיף צוא פאלט אויף שטיקער. אונ אלי זענען דער טריינקען גיווארען :

אבער דער בשעפער האט איבער מיר רחמנות גיהאט דאס איך האב מיך אין איין באלקין אן גיכאפט אונ עס איז דארטען איין גרויס אייזען אריין גישטעקט אונ דער באלקעם טראגט מיך מיט גישווינדעקייט צוא דעם בארג אונ גלייך אוף דעם אורט וויא דיא שמאלע טרעפ זענין וויא דער מאן האט דער ציילט דיא טרעפ זענין אזוי גלאט אז דורך גרום מיא אונ דער שרעקניש בין איך קאם ארויף גיקלעטערט מיט דיא הענט אונ מיט דיא פים אונ דער הייך מיין גליק איז נאך וואס דער ווינט איז גיוועזן פון הינטען ווען דער ווינט וואלט מיר גיוועזן פון פארענט אזוי וואלט איך פאר גיוויס אריין גיפאלען אין דע ים איך ביט תמיד צוא דעם בשעפער אז ער זאל מיר העלפען אז איך זאל ארויף קומען עס איז דארטען גיוועזן ניין אונ נאנצעג טרעפ אונ איך בין קאם ארויף גיקומען. איך לייג מיך אנידער אפ צוא רוען אונ ווער שטארק אנטשלאפען עס קומט צוא מיר

HERO SAVED
FROM DROWNING

איין



HIS DREAM

DONOR

איין אלטער מאן צוא חלום אונ זאגט צוא מיר די ווערטער ווען דוא וועסט זיך אויף האפען אזוי זאלסטו גראבען אונטער דיין גילעגער וועסטו גיפונען איין קעסטיל זאלסטו דאס קעסטעל עפינען וועסטו אונוויינעג גיפונען צוויא שטיק פארמיט וואס זענין בשריבען · איין שטיק פארמיט זאלסטו אריין ווארפען אין וואסער אזו וועט דאס וואסער: אין דער הייך קומען · אונ עס וועט ווערען גלייך מיט דעם שפיץ פון דעם בארג אזו וועט קומען איין אלטער מאן אין איין קליין שיפל צוא פארען דוא זאלסט זיך גלייך אריין זעצען אין דעם קליינעם שיפל אונ עס וועט דיך ברייגען צוא דיין פאטערס לאנד אונ דיא אנדערע שטיק פארמיט זאלסטו תמיד האלטען אין דער האנט ווען דוא וועסט אבער דאס פארמעט פון דער האנט ארויס לאזן אזוי ביסטו אום גליקליך :

INTERDICTION

SUPERNATURAL
RESCUE

וויא איך האפ מיך אויף אזוי דער שרעק איך מיך זייער איבער דעם חלום איך באטראכט מיך אבער עס מוז ניט אום זוסט זיין דער חלום איז פאר גווים דער וואס האט מיר גיהאלפען ביז אהער דער אייגנר בשעפער וועט מיר אצונד אויך העלפין איך שטייא אויף אונ זיך מיר מיט עפים צוא גראבען איך גיפין אבר ניט מיט וואס צוא גראבין אזוי מוז איך מיט מייני פינגער צוא גראבען עס איז אבער ארץ רעכט גיוועזן אונ גיפון דם קעסטיל וויא דער אלטער האט מיר גיזאגט אין חלום איך ווארף איין שטיק פארמיט אין ים אריין אזו ווערט דער ים אלי מאל גרעסער ביז צוא דעם שפיץ פונם בארג אזוי קומט צוא מיר איין קליין שיפעל דרונען זיצט איין אלטער מאן וואס ער איז זייער פארכטיג זיין גישטאלט איז וויא איין טייביל אזוי זעץ איך מיך דרינען אריין אונ ער רעט צוא מיר קיין ווארט ניט נאר ער טוט זיין ארבית מיט דעם רודרין פון דער שיף אבר מיט גרוס פאר דראס אונ כעס · קורץ דאס קלייני שיפלי גייט איד וועג אזו גשווינד וויא ניט צו דער שרייבען · זיא פליהט וויא איין טייבל איך האב תמיד גיהאלטן דיא שטיק פארמיט אין דער האנט אזו וויא דער אלטער האט מיר אן גיזאגט · מיר זענין אזו גיגאנגן צוויא טאג אין דעם דריטן טאג האב איך דער זעהן אלאנד פון ווייטין מייני פרייד איז גיווארן זייער גרוס אזו שטער· איך מיך אין שיפל אנידער



אויס

אוס צו זעהן וואס פאר איין לאנד דאש איז וועגין גרוס פרייד פר געס איך אין דיא רייד פון דעם אלטן מאן וואס ער איז מיר צו חלום גקומן אונ האב פאר געסן אין מיין פארמיט אונ לאז אים פון מיין האנט ארונטר פאלין אין ים אריין · וויא באלד איך האב דעם פארמיט אראפ גילאזט אזו ווערט מיין שיפר פאר שווינדן אונ דאס שיפל קערט זיך איבר אונ גייט זיך איר וועג אונ איך בלייב ליגן אין וואסר אונ ווייס זיך גאר קיין שום עצה ניט צו געבין · איך בין שוין אבער גיוואנט גיווארען צוא שווימען אזו ארבייט איך מיט אלי קראפטען אונ שווים ·

VIOLATION

מיט אמאל ווערט איין שטורם ווינד אונ איין אינד האט מיך אזו גווארפען ביז איך בין גיקומין צוא דעם בארטין פון דעם ים דער אינד לופט צוא ריק אונ איך בלייב ליגען אויף דעם ברעג · איך זעה מיך אליין ארום אויב איך לעב נאך אודער איך בין פאר זאפין גווארען איך טוא פון זיך אוים מייני קליידער אוים צו טרוקענין אונ זעה דאס איך גיפון זיך אויף איין קליין אינזעל וואס איז ניט באוואנט פון מענטשען אונ עס וואקסט אויף איר שייני פרוכטען איך עס פון זייא אונ דער קוויק מיך פון מיין הונגער אונ דארשט אונ זעץ מיך אויף דער ערד ·

THE STRANGE VISITORS

איין מאל דער זעה איך פון ווייטען איין קליין שיפעל שווימען אונ ציהען גלייך צוא דעם קליינעם אינזעל ווייל דאס שיפעל איז זייער קליין אונ עס גייט אין דעם גישטאלט פון דיא האנדעל שיפען וואס דיא קופס לייט רייזין אזו גריינק איך אז דיא לייט מוזין פאר גוים זיין גזלנים איך זיך מיך איין אורט פון זייא צוא פאר בארגין זיך אזו דער זעה איך איין בוים מיט זייער גדיכטי צווייגין איך גייא ארויף אויף דעם בוים איך טראכט מיך איך וועל זעהן וואס דיא לייט וועלין מאכין אויף דעם אינזעל,

דיא שיף קומט איך זעה דאס עס גייט ארוים פון דער שיף איין אלטער מאן אונ ער פירט בייא דער האנט איין יונגין מאן נישט מער אז פופצעהן יאר נאך זייא גייען אוך עטליכע קנעכט אונ טראגין נאך פון אלירלייא האנט שפייז אונ דיא בעטי ווייגן זייא · קומען צוא איין אורט אונ דיא קנעכט הייבען אן זייער פיל

צוא



צוא גראבין אין דער ערד גיפונין זייא איין טיר אונ גייען ארונטר אין דער גרוב אלי אין איינעם אונ זאמין דארטין ניט מער וויא איין שעה ·

נאך דעם קומט דער אלטער מאן ארוים מיט זייני קנעכט פון דעם גרוב זייא מאכין ווידער דיא טיר צוא אונ בדעקין דיא טיר מיט ערד דעם יונגין מאן האב איך אבער ניט גיזעהען צוא ריק קומען דער אלטער מיט דיא קנעכט זעצין זיך אויף דער שיף אונ גייען זייער וועג אוועק, מיר וואונדערט זיך זייער וואס זאל דאס בדייטן איך טראכט מיך · דא האט מען אים אין איין בגרובעניש אורט אריין גלאזט אזו וויא איך האב אייך פריר דער ציילט איך האב אבער ניט גזעהען קיין טויטי פרויא מיט וואס אריין לאזין פאר דרוסט מיך זייער אויף דעם יונגין מאן וואס ער איז גבליבען אין אזו אוויסט אורט איך פארכט מיך אבער אין דער הייל אריין צוא גיין עס טוט מיר אויך זייער באנק דאס איך האב זיך ניט איבער גגעבין אין דיא הענט פון דעם אלטין מאן מיט זייני קנעכט דען וואס וועט איך דא מאן איך מוז פאר הונגער שטארבען איך בטראכט מיך אונ גייא אראפ פון דעם בוים אונ קוק צוא דעם אורט איך קראץ דיא ערד אפ אזו גיפון איך דיא טיר איך הייב דיא טיר אויף אונ דער זעה טרעפ איך גייא מיט דיא טרעפ ארונטער אונ קום אין איין שיין גוועלב אריין עס איז אויך דרינען איין קליין פענצטעריל וואס איז זייער קינצליך גימאכט גווארען איך זעה זיצען איין יונגען מאן בייא זייער איין שיינעם טיש וואס איז בדעקט מיט זייער איין שיינעם קאברעץ: דרויף שטייט זייער פיל בטלען מיט דעם פיינסטין וויין אויך דער בייא אלירלייא האנד שפייז אונ קאנפעקטען אויך ברענען אין דער הייל זייער פיל וועקסעני ליכט,

THE HIDDEN CAVE

דער יונגער מאן האלט אין דער האנט איין בוך אונ לייענט דרינען · וויא ער האט מיך דער זעהין אזו דער שרעקט ער זיך זייער דאס ער איז באלד אין חלשות גפאלין · איך גייא צו אים נעהענטער אונ נעם אים אן בייא דער האנט אונ זאג צוא אים ליבסט קינד שרעקט אייך ניט איך וועל אייך גאר קיין שלעכטין

ניט

ניט טאן איך בין צוא אייער גליק גיקומען דאס דיא טיר וואס איז מיט פיל ערד צוא גדעקט האב איך גיעפענט אונ איר קאנט אויס אייער גפענקעניש דורך קומען עס פאלט מיר אנדערשט אין זינען אז נאר רובער האבען אייך אין דער גרוב אריין גזעצט ביז זייא וועלען צוא ריק קומען אונ וועלען אייך פאר אקנעכט פאר קופין עס וואונדערט מיך אבער וואס מען האט אייך אייער בדערפעניש אזוי שיין אן גיברייט.

דער יונגער מאן ענטפערט מיר ליבער פריינד איר האט זיך טועה גוועזן. דער אלטער מאן איז ניט קיין רובער נאר מיין אייגענער פאטער אונ איך וועל אייך דער ציילען פון דעסט וועגען איך בין דא גבראכט גווארען:

מיין פאטער איז גיוועזן איין גאלד שמיד ער האט דורך זיין גרוס האנדעל אונ ארבייט פיל רייכקייט באקומען ער האט מיט מיין מוטער פופצעהען יאר קיין קינדער נישט גיהאט. איין מאל חליכית זיך מיין פאטער דאס מיין מוטער וועט האבין איין זון ער וועט אבער ניט פיל לעבען דען אין דעם פופצעהענטען יאר, מוז ער שטארבען עש אוך אזוי אז דאס מיין מוטער האט מיך גוואונען מיין פאטער לאזט מיך לערנין פיל זאבען אונ שרייבען אלירליייא האנד שפראך רעכענען פיזיק מאטעמאטיק אונ איך אלערלייא האנד אין סטרומענטען צוא שפילען איך ווייס פון קיין שלעכץ ניט.

איין מאל זעה איך וויא מיין פאטער ווערט זייער טרויארג. נוא פרעג איך מיין פאטער פאר וואש בישטו אזו טרוארג ווען דוא זעהשט מיך אן אונ וואס קען דאס באטייטען פילייכט האט איר אן מיר עפיס איין פעלער דאס איך גייא ניט אין רעכטען וועג אזו זאלט איר מיר דאס זאגען איך וועל אייער שטראף מיט גרוסי ליבשאפט אן נעמען.

מיין פאטער ענטפערט מיר ליבס קונד דיא האסט קיין מינסטע שלעכטץ ניט גטאן איך בין פון דיר זייער צוא פרידין מיין טרוארען איז גאר עפיס אנדערש וואס איך קען אייך ניט זאגען. קירץ איך לאז אבער מיין פאטער גאר ניט אפ פון זיך



THE BOY'S TALE



ביז ער דער ציילט מיר פון דעם חלום וואס ער האט געזעהען פאר מיין גבארען איך זאג צוא אים ליבער פאטער איין חלום איז גאר נארהייט אונ עש איז דרינען ניט צוא גלייבען עס העלפט אבער ניט מייני רייד אונ ער בלייבט דאך תמיד בייא זיין טרוארקייט וויא איך בין שון גקומען אין דעם פערצעהטען יאר אזו לאזט מיין פאטער ברענגען צוא זיך פון דיא גרעסטי אונ דיא העכסטי קונצלערס אונ שטערען זעהערש אונ פרעגט זייא וואס מיט מיר וועט זיך פאסירען זייא ענפערען אים אז זייא האבין אין דיא פלאנעטען גזעהען אז אין דעם פופצעהענטען יאר פון מיין גבארען וועט מיר מיין לעבין אפ גנומען ווערען דורך איין קופניאן פון דעם לאנד פערסייא ער הייסט מיט זיין נאמען צענטירע מיין פאטער איז דריבער דער שראקען נאך מער וויא אום דעם חלום וועגען אונ לאזט מיר דא אונטער דער ערד אוף בואן אונ זעצט מיך דרינען אריין. ער טראכט אין אזו איין נייסטען אינזל אונ דער צוא אין אזו איין פאר בארגען אורט וועט פאר גוויס קיין מענטש אהין ניט קומען נוא דארף איך דא איין גאנץ יאר זיצען אונ מיין לעבען מוז עלענט פאר ברענגען אבער נאך דעם יאר וועט מיך מיין פאטער מיט דאש גרעסטי עהר צוא הויז נעמען דען דיא שטערען זעהער האבען אים אום דריקליך גזאגט ווען איך נאר דאש פופצעהנטי יאר איבער קומען בין איך זיכער ביז דאס גרוסי עלטער צוא לעבען:

איך האב זיך שטארק דער שראקען אוף דיא רייד פון דעם יונגען מאן ווען ער האט מיר אין מיין לאנד דער מאנט דאך האב איך אלין פון דעם חלום אונ פון דיא שטערען זעהערס אום גישפעט אונ אום גילאכט. דען איך טראכט בייא זיך אליין דיא שטערען זעהער זענין ליגנער אונ באטריבער דען וויא איז עס איז מיגליך אוף מיין הארצען צוא ברייגען דעם יונגען מאן זיין לעבען צוא נעמען אן איין מינסטי שולד.

איך זאג צוא דעם יונגען מאן ליבסט קינד פארכט אייך ניט פאר דעם חלום אונ דיא רייד פון דיא שטערען זעהערס עס איז אריין נארהייט דען דאס פערסיאנעשי לאנד איז וויא פיל הונדרט מייל פון דאנען עס וועט אייך קיין שום שלעכטץ ניט גשעהען



ZENTURE PART OF THE DIVINE PLAN

אונ ווען אויך עס זאל קומען אהער איינער ער זאל אייך שלעכטס טון אזו שטעל איך איין מיין לעבען דריגען דען מיר וועלען דא בײדי בלייבען ביז אייער פאטער וועט ווידער נאך אייך קומען וועל איך דורך אייך גליק האבען מיט אייך צו אהוז רייזען אונ פון דארטען וועל איך פילייכט נאך מיין לאנד רייזען איך לאז מיך אן רופען מיט איין אנדערען נאמען ריקאנער דער אינדיאנער אונ דער צייל אים אלי מייני געשיכטע אונ ער פאר וואונדערט זיך זייער קורץ מיר בלייבען אין דער הייל איין לאנגע צייט מיר האבען אלי אונזערי באדערפעניש וואס מיר באדארפען דען עס איז פון אלעם גיטען אן גגרייט איך טרייסט דעם יונגען מאן מיט גוטע רייד ביז ער האט שון אים דעם גאנצען חלום פאר געסען אונ אין דיא שטערן זעהערס עס פעלט אונז ניט אין דער הייל דאס מינסטע זאך דען עס איז פאר דעם יונגען מאן אן גגרייט זייער פיל רייז אויך פון דאס שענסטע ווייצען ברוט אלירליא פרייש זייער גוט איין געלייגט אין זאלץ אונ געווירץ אויך פון אלירליא ווייגען עס איז אויך אין דעם גוועלב זייער איין גוטע קוואל וואסער ·

מיר גייאן אופט ארוס פון דער הייל איבער דעם אינזעל·אום אלירליא פייגעל צו שיסען דער יונגער מאן איז אין מיר שון אזו פאר ליבט גלייך וויא איך וואלט גוועזען זיין פאטער איך באדין אים וואס מעגליך איז פון וועגען אז ער זאל בעטען זיין פאטער פון מיינט וועגען אז ער זאל מיך פון דעם וויסטען אינזעל מיט נעמען נאך זיין באוואנט לאנד ·

איין מאל גייאן מיר זיך שפאצירען אוף דעם אינזעל · מיר גנומען אונזערי בויגען אונ פיילען אונ מיר קומען צו איין ארט וויא פייגעל זענין מיר טייטען פון זייא גאנץ פיל אונ מיר גייאן צו ריק מיר קומען צו דער הייל אונ איך הייב אוף דיא טיר אונ האלט זיא שטארק צו אונ לאז דעם יונגען מאן צו פריער גיין צו זיין גרוס אום גליק לאז איך דיא טיר פאלען אוף דעם יונגען מאנס קאפ אונ ער פאלט ארונטער פון אלי טרעפ אונ ער צו ברעכט זיך זיין אקן אונ בלייבט טוט ·

ACCIDENTALLY KILLS HIM

איך הייב אן יאמערליך צו וויינען אונ צו קלאגען אונ

זאג



ACCEPTS FATE

זאג אך באשעפער פון דער וועלט מוז איך דאך דער גזלן זיין פון דעם יונגען מאן אצונד זעה איך דאס אום דיא שמערען זעהער איז ניט צו שפעטען אונ וואס דער באשעפער האט אום גצייכנט אוף איין מענטשען מוז אוף אים קומען אפילו דער מענטש וואס האט זיך באווארענט אין דער טופער גרוב איך יאמער אונ קלאג אזו איבער דעם יונגען מאן צוויי שעה אונ זאג מייני זינד האבען דאס מיט גבראכט ווייל איך האב עובר שבועה גוועזען דורך דעם בין איך גקומען צו נאך איין זינד אז איך בין איין גזלן גווארען

אלי מייני גוויין אונ קלאגען העלפען מיר ניט דער יונגער מאן בלייבט טוט איך הייב אוף מייני הענט אקעגען דעם הימעל אונ זאג דער בארעמיגער פאטער זייא מיר מוחל דיא זינד אונ ווען ניט וויל איך שטארבען איך טראכט מיר וואס קאנען מיר דען מייני טרערן העלפען איך וועל אים דער מיט ניט לעבעדיג מאכען איך מוז אצונד שון פאר זיך אליין זארגען וויא אזו איך זאל פון דעם ארט אוועק גיין ווארום ווען דער פאטער פון דעם טוטען וועט קומען מיט זייני לייט אזו וועט ער פאר גווים מיך הייסען אוף שטיקר צו רייסען ווען איך האב אוך דריגען קיין שולד ·

איך נעם דעם יונגען מאן ארוס פון דער הייל אונ בגראב אים · אוף דעם אינזעל ניט ווייט פון דער הייל אונ פאר גיס דער בייא פיל טרערען נאך דעם גייא איך ארוס דעם אינזעל מיר צו זוכען איין ארט וויא זיך צו באהאלטען פאר דעם אלטן פאטער פון דעם טוטען דען איך טראכט מיר טאמער קומט דער אלטער אהער אים צו באזעהען איך גפין אוף איין ארט אין וואלד זייער איין גוטען באהעלטעניש אונ גייא צו דער הייל אונ נעם ארויס אלירליא שפייז אונ געטראנק וואס גפונען זיך דארטען אונ טראג עש צו מיין ארט אין דעם וואלד עס גדאווערט דריי טאג ביז איך האב אלץ גנומען קורץ איך פאר ברייגג אוף דעם וויסטן אינזעל איין גאנץ יאר אונ עס פעלט מיר גאר ניט קיין זאך פיל מאל גייא איך אוף דעם בארטען פון דעם ים צו זעהען אויב עס גייט ניט פאר בייא עפיס איין שיף מיט קויף לייט עס קומט אבער קיינער ניט קורץ וויא עס איז אבער גקומען דער סוף פון דעם יאר באטראכט איך מיך וואס וועט זיין דער סוף פון מיר מיין שפייז גייט מיר שון אויש אונ איך וועל מוזען שטארבען פאר הונגער איך

GEDÖVERT

וועל

וועל בעסער אין דיא הענט פון דעם אלטען מאן דער פאטער פון דעם טוטען פאלען אונ מאמער וועט ער אויף מיר רחמנות האבען אונ וועט מיר מיין לעבען שיינקען איך גייא צוא דער הייל אונ דעק צוא ווידער דיא טיר מיט דער ערד אונ זאמד וואש איך האב אראפ גנומען איך גייא ווידער ארוף אויף דעם בוים וואס איך בין געווען פריער אונ ווארט אויף דער שיף וואס דער אלטער מיט זייני לייט וועלען קומען איך בלייב אויף דעם בוים נעכטיגען אונ צוא מארגען פריא זעה איך דיא שיף קומען זייא זעגלען גלייך צוא דעם אינזעל אונ גייאן פון דעם שיפער אראפ ·

דער אלטער גייט פריער אונ דיא קנעכט גייאן נאך אים ער קומט צוא דער הייל אונ זעהט אז דאס איז מיט דער ערד צו געדעקט אזו איז ער פיל מיט פרייד דען ער איז פאר זיכערט דאס זיין זון לעבט נאך דיא קנעכט האבען וויא צום געשווינסטען דיא ערד אראפ געווארפען דא גייט דער אלטער אליין אונ הייבט אויף דיא טיר אונ הייבט אן צו רופען זיין זון מיט זיין נאמען עס ענטפערט אים אבער קיינער נישט ער גייט אראפ פון דיא טרעפ ארונטער אונ געפינט אים אבער ניט דאס יאמער אונ קלאג וואס דער אלטער האט פאר בראכט איז גאר ניט צוא באשרייבען ער בלייבט אין דער הייל מער וויא איין שעה אונ גייט ארויס אונ הייבט אן אויף דאס נייא צוא וויינען אונ קלאגן אונ זאגט דיא ווערטער · אך דו מיין ליבס קינד וויא ביסטו פון מיר פאר הולן געווארן ·

ווען עס דער פאר פלוכטער גזלן צענטורע דר פערסייאנר דיר מיין לעבען צוא גנומען וואלט מיר פלייכט בעסר געוועזן ווארום איך וואלט האטשע געזעהן דיין גרוב · עס איז מיר דיינער זייער אנגסט אונ לייד מיין ליבס קינד · איך זיין אויף דעם בוים אונ הער עס צוא מיט איין ביטער הארץ איך באטראכט מיך אונ זאג צוא מיר אליין עס מאג זיין וויא עס וויל זיך זיין איך וועל אין זיין האנט ארויין פאלן עס איז מיר ליבער דורך זיין האנט גטייט ווערן וויא דורך דעם הונגער אונ דארשט איך גיי אראפ פון דעם בוים אונ קום צוא דעם אלטען מאן וויא ער האט מיך נאר דער זעהן אזו הייסט ער זיינע לייט זייא זאלן מיך פאנגען זייא פאנגען מיך אונ ווילען מיך גלייך דעם טוט מאכן אבער דער אלטער שרייט אין זייא אן אז זייא זאלן מיר קיין שלעכטס

ניט



DEAD BOY'S FATHER TAKES HIM HOME

ניט טאן זייא ברענגן מיך צוא זייער הערן איך פאל אים צו דיא פיס אונ זאג גענעדיגער הער איילט דאך ניט אזו אונ לאזט מיך דער ציילן מיין גאנצע געשיכטע וועט איר פאר שטיין אז איך האב קיין מינסטע שולד אין דעם טוט פון אייער זון ער ענטפערט מיר עס איז אייך וואל פרייא נאר מיט דעם אמת אונ איר קיין מינסטע פאלשע זאך ניט דער ציילען דא זאג איך ·

איך ווער אייך גווים דער ציילען מיין גאנצע געשיכטע וויא איך האב אים ניט אונמיטטני גטייט · ער באקומט אויף מיר גרוס צארן אינ פרעגט מיך וויא איך האב דעם טוטן קערפער אהין גטאן איך גייא מיט אים אונ וויז אים דאס אורט ווי איך האב אים באגראבן ער פאלט אויף דער גרוב אונ מיט גרוס מיא האבן מיר אים דער מינטערט אונ מיר גייאן צוא דעם בארטען פון דעם ים דער אלטר זאגט צו מיר איר זאלט קיין פארכט ניט האבן באהיט מיך בשעפר אז איך זאל זיך אין אייך רעכנן איך פאר שטייא עס אליין דאס איר האט אין מיין קינד קיין שולד ניט · נאר עס איז דער ווילן פון גאט דער בייא ער האט מיר אים געגעבין אונ האט אים אויך ווידער אפ גינומן מיר בלייבין אויף דעם אינזל נאכט לענגר אונ צוא מארגין פריא שטעלין מיר אויף דיא שיף מיר זעגלין זייא אפ אונ גייאן אונזר וועג אין זיבן שעה קומן מיר צוא זייער איין שיינם אינזל מיר גייאן פון דער שיף אראפ אונ קומן אין דער שיינר שטאט פעליק איך בלייב איין צייט פון פיר מאנהייט בייא דעם אלטן מאן אינ ער האט מיך זייער ליב :

איין מאל פרעגט ער מיך אוב איך בין עפיס איין בעל מלאכה איך ענטפר אים איך קען גאר קיין שטיקל מלאכה ניט איך בין תמיד איין קופמאן אונ דורך מיין האנדל ווער איך זייער באגליקט ער פרעגט מיך ווידר אוב איך קען מיט דעם בוגן שיסן איך זאג דאס האב איך וואל גילערינט אויף איין מאל זאגט ער צוא מיר צענטורע דא האסטו איין פיילן בוגין אונ אויך דער בייא פיל פיילן · נוא וועלין מיר רייזן אין איין וואלד אויש העלפאנדן צו טייטן מיר רייזן אזו באזאמן דרייא שעה ביז מיר קומען זייער אין איין גדיכטן וואלד ארין אונ ער וויזט מיר איין גרוסען בוים אונ זאגט צו מיר אויף דעם בוים זאלט איר ארויף שטייגן אונ ווען

ב דיא

דיא העלפאנדען וועלן פיר גיין אזו זאלט איר זייא מיט דער פייל שיסען אונ ווען איינער וועט פאלען אזו זאלט איר קומען נאך דער שטאט אונ מיר מעלדען ער לאזט מיר מיין שפייז אונ ער גייט צוא הוז איך בלייב זיצען אויף דעם בום איין גאנצי נאכט עס גייט אבער קיין העלפאנד ניט פאר ביא אבער אזו באלד וויא עס איז ווערט טאג אזו קומען אן זייער פיל העלפאנדען איך שפאן מיר מיין בוגען אונ שים עטליכי פיילען דורך אנגדר ביז איך האב אין איינעם גיטראפין אונ ער בלייבט טויט אונ דיא איבעריגי גייען זייער וועג איך גייא פון בום ארונטער אונ קום אין דער שטאט איך מעלד עס אן מיין העררן ער גייט מיט מיר אין וואלד אריין צוא דעם אורט מיר ווארפען דאס פלייש פון דעם העלפאנד אוועק מיר נעמען נאר דיא בייגער פון אים איך בלייב ווידער זיצען אויף דעם בום אונ צוא מארגען פריא שים איך ווידער איין העלפאנד עס דויערטי אזו צוויא מאנהייט עס גייט ניט פאר ביא איין טאג דאס איך זאל איין העלפאנד ניט טייטען · אויף איין מאל וויא איך זיץ אזו אויף דעם בום אין דער הייך אונ ווארט אויף איין העלפאנד : אזו קומען אן פליצלינג אויף מיר זייער פיל העלפאנדען מיט איין גרוס ברומענג אונ רינגלען ארום דעם בום וואס איך בין געווען דרוף איר קאנט אייך וואל פאר שטיין וויא עס איז געוועזן אין מיינעם הארצען : איך דער שרעק מיך זייער שטארק נאר וואס קען איך דען מיר דער צוא העלפען : קורץ זייא נעמען אלי ארום דעם בום מיט זייערי לאנגי נעזיר אונ רייסען אום דעם בום מיט דעם ווארציל דאס דער בום פאלט אנידער אויף דער ערד מיט מיר אונ איך בלייב ליגען אין אומאכט חלשות אונ איין פערטל שעה בין איך ווידער צוא מיין בשטאנד גקומען נאך דעם נעמט מיך איינער מיט זיין לאנגי נאז אונ ווארפט מיך אויף זיין רוקען אונ גייט זיין וועג אונ אלי דיא העלפאנדען גייען אים נאך איך בין שוין מער טוט וויא לעבעדיג איך בין שוין אן גברייט צום טוט : אבער דער העלפאנד טראגט מיך אויף איין גיוויסען אורט אונ זעצט מיך דארט אנידר אונ זייא גייען אלי אין זייער וועג וויא באלד איך בין אויף גשטאנען דער זעה איך דס דר גאנצער פלאץ איז בדעקט מיט דיא ביינער אונ ציין פון דיא העלפאנדען איך בטראכט מיך וואס דאס בטייט עס קומט מיר אבר אין זינען ארין דאס איז פאר

גווים

KILLS AN ELEPHANT A DAY

UNTIL THEY CAPTURE HIM



גווים דער פלאץ איז איין אורט בגראבעניש פון דיא העלפאנדען איך ווייס שון לאנג אז דיא העלפאנדען זענין דיא קליגסטי אונטער דיא חיות אונ דרום האבין זייא מיר גוויזין דיא ביינער אז איך זאל מער ניט צוא דער שלאגן קיין לעבידיגן העלפאנד איך הייב מיך אויף פון דעם אורט אוועק צו גיין צו דער שטאט גאנץ שפעט פאר נאכט קום איך צום הוז ·

וויא מיין הער דער זעהט מיך ווערט ער פיל מיט פרייד אונ זאגט צוא מיר איך בין פון אייערט וועגין זייער באזארגט דען וויא איך בין גיקומען אין וואלד ארין אונ האב גזעהן דעם גרויסען בום אום גערימען אזו מיין איך פאר גווים אז איר האט שוין אייער לעבין פאר לארן אונ וועל שוין אייך מער ניט זעהן ·

דער ציילט מיר אויך וויא עס איז מיט אייך גגאנגין אונ וויא אזו איר האט אייער לעבען דער האלטען קורץ איך דער צייל אים פון אן הייב ביז צום סוף : דעם אנדערן טאג גייאן מיר ביידי אין וואלד צוא דעם פלאץ : מיר נעמען אויך מיט זיך איין קעמיל אונ בלאדען דאס קעמעל אזו פיל אז ער איז קאם גיגאנגען דערונטער מיר גייאן אזו אויף דעם פלאץ פון דיא העלפאנדען באגראבעניש אלי דרייא טאג מיר גיפונען אבער קיין מאל קיין לעבעדיגין העלפאנד נישט דען זייא קומען ניט בכיון אויף דעם אורט כדי מיר זאלען קענין דיא ביינער נעמען אונ מיר זאלען שוין מיין ניט טוטן קיין לעבעדיגען :

קורץ מיר זאמלען צוא נוף אזו פיל וואס עס האט קיין צאל ניט אונ מיר האבען דאס תמיד פאר קופט אונ דיא קופט לייט פון אנדרי לענדער קומען אונ בצאלען עס מיט איין גוטען פרייז איך אין מיין הער ווערן שוין דיא גרעסטי אונ רייכסטע אונטער דיא גרעסטי קופלייט אין דער שטאט ·

אויף איין מאל ווער איך זייער טרוארג אונ ווער נאר קראנק מיין הער זאגט צו מיר ליבער צענטורע ווארום זענט איר אזוי טרויארג אונ ווארום דען זענט איר אזו פאר קרומט איר זענט דאך שון גאנץ גינוג רייך אונ גליקלעך איך זאג צו אים ליבער הער עס טוט מיר זייער באנק מיין גבארן לאנד צוא פאר לאזען איך האב איין פרוא אונ קינדער אונ אויך איין גאנץ פאמיליע איך האב גרוס לוסט צוא מיין גבארן לאנד אוועק צוא רייזין ער זאגט צוא

מיר

מיר עס איז אייך ליבסטער פריינד פרייא אלי צייט אויעק צוא
רייזען איך בדאנק מיך זייער בייא אים איך מאך מיך פארטיג אין
וועג ארייין עס גדווארט ניט מער וויא איין מאנהייט אונ עס קומן
אן עטליכי שיפען פון דעם אינזיל סערנדיב נאך העלפאנד ביינער
איין צוא קופן איך נעם אפ געזעגן פון מיין הערן אונ זעץ מיך אויף
דער שיף : איך נעם מיט מיין געלט אונ אויך פיל אנדערי זאכען
וואס איך האב גיקופט אונ ביין גליקליך אפ : דער ווינד איז אונז
זייער גוט מיר קומען גליקליך נאך סערנדיב אין איך שטייא איין
אין איין גרוסן איינפאר הוז דארטען ווי אלי גרוסי סוחרים שטייאן איין׳
צוא מארגען פריא גייא איך צוא דעם קיניגליכען הויף אונ
מעלד מיך בייא דעם מארשאלעק ער מעלד מיך בייא דעם קיניג
אונ דער קינג דער לובט מיר ארייין צוא קומן איך גייא ארייין
אונ פאל דעם קיניג צוא דיא פיס וויא ער האט מיך נאר דער זעהן
אזו דער קענט ער מיר גלייך אונ זאגט צוא מיר זייט וואל קאם איך
שווער אייך דיא צייט וואס איר ווענט פון מיר אפ גרייזט האב איך
תמיד אין אייך גיטראכט אונ ער זאגט צו מיר לעבט נאך אייער
פערסיאנער קינג · איך ענטפער אים ער איז אין דעם פריארעגין
שטאנד : אונ אוב איר ווילט ניט גלייבען אט דאס איז זיין ברוב
איך נעם ארוס פון מיין שרייב בוך דיא בריב אונ גיב זיא דעם
קינג ער עפינט דיא בריב אונ לאזט זיא דורך איבער לייאנין אונ
זאגט צוא מיר וויא איז דאס גישאנק מתנה וואס ער האט מיר דורך
אייך גישיקט איך ענטפער אים גנעדיגער קינג ווען איך זאל אייך
דער ציילען מיין וועג וואס איך האב איצט גיהאט וואלט איר
דאס גישאנק ניט גיפארערט פון מיר · קירץ איך דער צייל אים
אום מיין גאנצי רייזי פון אן הייב ביז אין סוף · אונ ער זאגט צוא
מיר איר ווענט מיר פיל מאל ליבער וויא דיא מתנה אונ ער וועהט
מיר נאך צוא טרייסטען אוך ביט ער מיך אז איך זאל בייא אים
בלייבען איין מאנהייט עס איז אזו גיוועזן אונ בלייב אין דעם
קיניגליכן הויף נאך דעם פאר איך צוא הוז אונ קום גליקליך אהיים :

נאך דעם זאגט צענטורע צוא וועטורע נוא מיין פריינט איר
האט שון מיין לעצטי רייזע אויך אום גיהערט אזו קענט איר שון
זעהן אונ פאר שטיין אז איין מענטש מוז נאר תמיד זיין האפונג
פון דעם אלמעכטיגן גאט ניט פאר לירן : וועטורע גיזעגענט זיך
מיט צענטורע :

ענדע